STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05365

DOS ERSHTE LID

Chaia Birstein-Podoliak

Permanent preservation of this book was made possible by Benjamin and Freda Cohen of New Haven, CT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק

דאָס ערשטע ליד

לידער, פּאָעמעס און קורצע דערציילונגען
פון ביידע זייטן ים

אַרויסגעגעבן אין
טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
— 1991 —

✡

רעדאַגירט פון
אַלעק סילווער

✡

געזעצט און געדרוקט
פון
אַדלער גראַפיקס
טאָראָנטאָ

וועגן דעם בוך

דאָס ביכל ,,דאָס ערשטע ליד" איז אַרויסגעגעבן צום אָנדענק פון דער שרייבערין חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק, געשטאָרבן אין 1962. ווי דער לייענער וועט זען פון איר ביאָגראַפיע, איז חיה געווען אַ שפּע'דיקע שרייבערין. אַ טייל פון איר שרייבן איז געדרוקט געוואָרן אין יידישע צייטונגען נאָך ביי איר לעבן. נאָך איר טויט זיינען פאַרבליבן פיל כתב־יד'ן. טייל נישט פאַרענדיקטע אָדער נישט אויסגעבעסערטע, וואָס די שרייבערין האָט, מסתמא, אין זינען געהאַט דאָס צו טאָן שפּעטער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די עלטסטע פון אירע דריי לעבן־געבליבענע טעכטער, טילי, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ביכל פון זייער מוטער'ס אַרבעט, כדי איר מי און טאַלאַנט זאָל נישט פאַרלוירן גיין אויף אייביק, און איר אַרבעט זאָל דערזען דעם שיין פון טאָג.

אַממערסטן אַרבעט האָט אין דעם אַריינגעלייגט איר טאָכטער טילי, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון די אַנדערע שוועסטערס. צום באַדויערן איז טילי געשטאָרבן אין מיטן פון יאָר 1991 און נישט דערלעבט צו זען די פּרוכט פון איר אַרבעט. די אַנדערע שוועסטער אסתר האָט דאַן איבערגענומען די איניציאַטיווע, אַלס אַ טאָפּלטן נר־תמיד פאַר איר מוטער און שוועסטער.

ווען די מאַנוסקריפּטן זיינען אָנגעקומען צו מיר איז דער אויסוואַל געווען אַ שווערער. ווי שוין דערמאָנט, איז געווען אַ שפע פון מאַנוסקריפּטן, אָבער דער ציל איז געווען: בלויז הונדערט זייטלעך. כאָטש אַלע זיינען געווען גוט, האָט מען געמוזט אויסקלויבן די בעסטע, געמוזט דאָס אַריינפּאַסן אין אינהאַלט פון בוך, ד'ערביי אויך קענען אילוסטרירן די פּערזענלעכקייט פון דער שרייבערין. דורך די יאָרן נאָך איר טויט האָבן די מאַנוסקריפּטן זיך געוואַלגערט פון איין אָרט אויפן צווייטן און פיל מאַנוסקריפּטן זיינען אויסגעמישט געוואָרן. מען האָט געדאַרפט געפונען דעם סוף צום אָנהויב, דעם ריכטיקן סדר פון די פערזן אין די פּאָעמעס, און אויסבעסערן און מאָדערניזירן די יידישע שפּראַך. מיר האָבן דאָס געטאָן לויט אונדזערע בעסטע פעיקייטן און מיר האָפן,

אַז עס וועט דעם לייענער געפעלן. פֿאַרשטענדלעך, אַז טילי, אסתּר און ריטאַ האָבן פֿיל צוגעהאָלפֿן.

מיר האָבן דעם נאָמען „דאָס ערשטע ליד" גענומען פֿון איינער פֿון אירע פּאָעמעס. מיר גלויבן, אַז „דאָס ערשטע ליד" איז פֿאַר יעדן שרייבער אַ מיילשטיין אין זיין קאַריערע. דאָס איז זיכער געווען מיט חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק. זי האָט אין אירע דערציילונגען און פּאָעמעס געשריבן וועגן דער אַלטער היים אין פּוילן און וועגן דעם נייעם לעבן אין קאַנאַדע. ביידע האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף איר, אויף איר פּערזענלעכקייט און אויף אירע פֿעיִקייטן. טייל דערציילונגען פֿון דעם קינדערישן אַמאָל זיינען כּמעט אויטאָביאָגראַפֿיש און דער זכּרון האָט איר גוט געדינט, כּדי צו קענען אַרויסברענגען אַזוי גענוי די איינצלהייטן פֿון אַן „ערבֿ יום כּפּור" אין דער אַלטער היים, אָדער וועגן ראש השנה אין „די ערשטע אַנטוישונג". חיה באַווייזט אין איר שרייבן, אַז זי האָט ליב יינגע קינדער; האָט גרויס מיטגעפֿיל מיט די אָרעמע, האָרעפּאַשנע פּרויען, וועלכע אַרבעטן שווער פֿאַר זייער שטיקל ברויט. אין אַלגעמיין באַדויערט זי שטאַרק די לאַגע פֿון דער מענטשהייט, ווו די שוואַכע ווערן עקספּלואַטירט פֿון די שטאַרקע (רייכע). זי האָט אויך ליב די נאַטור, דעם פֿרילינג, דעם שניי; זי טרוימט וועגן שיפֿלעך אויפֿן ים, האָט ליב די נאַכט, ווען זי קען שפּינען חלומות אין דער שטילקייט. זי האָט אָבער מורא פֿאַר די „ווינטן" און „שטורעמס", וואָס יאָגן זיך איבער דער וועלט.

זאָל דער לייענער נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע זאַכן זיינען געשריבן געוואָרן מיט פֿיל יאָרן צוריק. דאָס אָבער פֿאַרמינערט נישט דעם אינהאַלט פֿון דעם ביכל און די פֿעיִקייטן פֿון חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק.

אַ.ס.

חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק

קורצע ביאָגראַפיע פון מחבר

חיה בירשטיין־פּאַדאָליאַק איז געבוירן געוואָרן אין 1899 אין מעזריטש, אַ קליין אָבער באַוווּסט שטעטל אין פּוילן, וואָס איז צו יענער צייט געווען אונטער דער רוסישער ממשלה. ספּעציעל איז דאָס שטעטל באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע אַלס דאָס וווין־אָרט פון מגיד פון מעזריטש, דוב בער (געשטאָרבן אין 1772). ער האָט געלעבט אין דער זעלבער תקופה ווי דער בעל שם טוב (ישראל בן אליעזר — 1700־1760), דער גרינדער פון חסידיזם. פאַר אַ לענגערער צייט האָבן זיי ביידע געפירט הייסע וויכוחים וועגן חסידיזם און קבלה.

ווי אין אַ סך אַנדערע קליינע שטעטלעך אין דעמאָלטדיקן פּוילן און רוסלאַנד, האָבן די יידן געפירט אַ טראַדיציאָנעל און האַרעפּאַשנע לעבן פון דור צו דור. די אָרעמקייט איז געווען גרויס און יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף פאַרשיידענע מלאכות צו קענען ציען פּרנסה. זיי האָבן אויך געהאַט אויסצושטיין שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם פון זייערע נישט־יידישע שכנים און באַזונדערס פון די צאַרישע רעגירונגס אָרגאַנען. דעריבער האָבן פיל יידן געזוכט וועגן צו אַנטלויפן פון זייערע וווין־פּלעצער און זוכן נייע היימען אויף דער אַנדערער זייט ים.

חיה׳לע, ווי די משפּחה און פריינט האָבן זי גערופן, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידיש־טראַדיציאָנעלער היים. איר זיידע פון דער מאַמע׳ס זייט, יצחק (איטשעלע) קראָנגאָלד, איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און איז געווען באַקאַנט אין דער אַרומיקער געגנט. פיל מאָל זיינען די שטאָט־איינוווינער — יידן און נישט־יידן — געקומען זיך באַראַטן מיט אים. זיין היים איז געווען אַ קולטורעלער צענטער און נאָך זיין טויט זיינען געבליבן פיל ספרים און ווערטפולע מאַנוסקריפּטן.

איר פאָטער, עובדיה בירשטיין, איז אויך געווען אַ הויך־געלערנטער מענטש. ער איז אָבער יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט און איבערגעלאָזט זיין אלמנה שפּרינצע מיט צוויי קינדער — חיה און איר ברודער שמחה (סעם). נאָכן טויט פון איר מאַן האָט שפּרינצע פאַרקויפט

דאָס קליינע געשעפטל פון שניט־סחורה און געעפנט אַ שניט־קרעמל אויפן מאַרק און אַזוי אַרום געמאַכט פרנסה פאַר זיך און אירע צוויי יתומים. שפרינצע האָט זיך באַמיט צו געבן אירע קינדער אַ גוטע שול־דערציונג. חיה האָט געענדיקט הויך־שולע אונטער דעם רוסיש־צאַרישן רעזשים. (צו יענער צייט איז דאָס געווען שווער פאַר יידישע סטודענטן, ווייל דער צאַר האָט איינגעשטעלט אַ קוואָטע אויף דער צאָל יידן, וואָס קענען אַריינגענומען ווערן). זי איז אויך געווען זייער אויסגעצייכנט אין העברעיש און עטלעכע יאָר פאַר איר עמיגראַציע איז זי געווען אַ העברעיש לערערין.

איר מאַן, פסח (פיליפ) פאַדאַליאַק, איז אין מעזריטש געווען אַ מוזיקער און מוזיק־לערער. אין 1927 האָט ער באַקומען די געלעגנהייט צו עמיגרירן פון שטעטל קיין קאַנאַדע, צוזאַמען מיט די קינדער פון יתומים־הויז, ווו ער האָט געלערנט מוזיק. צוויי יאָר שפעטער, אין 1929, האָט חיה אים נאָכגעפאָלגט מיט זייערע צוויי טעכטערלעך, בעסי און טילי. אין טאָראָנטאָ זיינען געבוירן געוואָרן נאָך צוויי טעכטערלעך, ריטאַ און אסתר. מיט אַ שטיקל צייט שפעטער האָבן נאָכגעפאָלגט קיין קאַנאַדע איר ברודער שמחה און זייער מוטער שפרינצע. חיה האָט פאַר אַ לענגערער צייט אָנגעהאַלטן בריוו־פאַרבינדונגען מיט איר משפחה און פריינט אין מעזריטש. אָבער דער נאַצי־מערדער האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם, ווען די יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל האָט געטיילט דעם זעלבן טרויעריקן גורל מיט די אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

פאַר חיה איז דאָס לעבן אין קאַנאַדע געווען שווער, ווי בכלל פאַר אַ סך אַנדערע אימיגראַנטן. עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער גרויסער דעפּרעסיע און די אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד איז געווען גרויס. צו יענער צייט האָבן געוווינט אין איר הויז איר ברודער און צוויי ברידער פון איר מאַן. זיי האָבן גענוצט דעם טיש אין דער קיך צו מאַלעווען קראַוואַטן (בינדעס) מיט דער האַנט און דאָס פאַרקויפן צו אַ גרויס דעפּאַרטמענט געשעפט. איר „ליווינג־רום" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיק סטודיאָ. חיה איז געווען ברייטהאַרציק צו אירע שכנים מיט אַ ביסל עסן און מיט גוטע עצות.

שפעטער האָט חיה, צוליב פאַרשיידענע סיבות, זיך געשיידט מיט איר מאַן און איז געבליבן אַליין מיט פיר קינדער. דעמאָלט האָט קאַנאַדע נאָך נישט פאַרמאָגט די געזעצן און די שטיצע אין אַזעלכע פאַלן. אין

צוגאָב צו דער פינאַנציעלער שטיצע, וואָס איר מאַן פלעגט איר געבן, האָט חיה פאַרדינגען צימערן אין איר הויז צו לאָקאַטאָרן און האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן גאַלאַנטעריע.

איר איינציקער מיטל צו אַנטלויפן פון איר טאָג־טעגלעכן שווערן לעבן איז געווען דאָס שרייבן פּאָעזיע און קורצע דערציילונגען אין יידיש. זי איז געווען זייער פּראָדוקטיוו און אירע לידער זיינען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע יידישע צייטונגען אין אַמעריקע און קאַנאַדע, אַריינגערעכנט דעם ,,אידישן זשורנאַל״ אין טאָראָנטאָ, אין די 40־ער און 50־ער יאָרן. זי האָט אויך געשריבן אַ ביסל אין ענגליש און אַפילו געווונען ,,האָנאָרעבל״ אָנערקענונג פאַר אַן עסיי **,,וואָס קאַנאַדע מיינט פאַר אַ נייעם קאַנאַדער״**, וואָס זי האָט געשריבן אין 1947־48 פאַר אַ ליטעראַרישן קאָנקורס פון ,,קאַנאַדער פרויען קלוב״ אין טאָראָנטאָ. (די עסיי איז געדרוקט אין דעם ענגלישן טייל).

חיה בירשטיין־פּאָדאָליאַק איז געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ אין 1962, אין עלטער פון 62 יאָר.

לידער און פּאָעמעס

דאָס ערשטע ליד

עס איז אַן אַלט ליד, מיין ליבער,
עס זינגט און זינגט זיך קיינמאָל אויס.
איצט דאָ אויף דער וועלט דער טריבער
קוקן מיינע אויגן אַרויס

און זוכן אַראָפּ, אַרויף, דאָ און דאָרט,
זיי זעען וועלטן אָן אַ שיעור.
אונדזערע זיינען אַלע וועלטן,
אומעטום הערשן בלויז מיר.

איז אַ שטעטעלע געווען,
אַרום דעם שטעטל וועלדער פיל,
בערגער, טאָלן, וואַסער קוואַלן,
דאָרט באַקענט זיך, ווי אין אַ שפּיל.

קינדער זיינען מיר געווען,
נישט פאַרשטאַנען דאַן נאָך פיל.
דאָך אין זומער פאַרנאַכטן
טרעפן פלעגן מיר זיך שטיל.

זיך געפונען זאַלבענאַנד
אין אַ ווינקל ביי אַ בוים.
פלעגסט מיר מעשהלעך דערציילן.
איך געווען בין דיין טרוים.

האָבן מיר אַזוי צוזאַמען
ס׳יוגנט-גליק געטרוימט, געשמידט.
דו געווען ביסט דער זינגער. . .
איך געווען בין דיין ליד.

איז דאָס שטעטעלע נישטאָ מער,
נאָך אונדזער יוגנט איז מיר באַנג.
דו, מיין זינגער, ביסט שוין מיד,
צו טראָגן יאָרן דעם זעלבן געזאַנג. . .

תמיד בלייבסט אין מיין זכרון,
איך הער דיך און איך ווער נישט מיד.
לעבסט אין מיר די אַלע יאָרן,
איך הער נאָך אַלץ דאָס ערשטע ליד.

מיין יחוס

און אויב אירווילט וויסן,
מיין שטאַם און מיין יחוס,
טאָ הערט זשע מיט קאָפּ אויס,
וואָס איך וועל אייך דערציילן:
פאַראַנען אַ שטעטל אין פּוילן,
— ,,מעזריטשע״.
אין מיטן דעם מאַרק דאָרט
אַ שיינע געביידע געשטאַנען —
אַ גלגול נאָך צענדליקער שרפות,
ירושה פון צענדליקער חרבנות.

דאָרט האָבן געלעבט מיינע באָבּעס,
קליינע, הויכע און דיקע,
מיט שייטלען, מיט טשיפּיקעס,
געזונטע נקבות.
זיי האָבן געהאַנדלט, געוואַנדלט,
געבוירן דאָ צענדליקער קינדער.

די זיידעס מיט פּאות און שטריימלען,
האָבן געלערנט דאָרט גמרא,
געפירט צום רבין די פּדיונות,
געפּראַוועט מיט גדלות חתונות און בריתן.

זיידע־באָבּע האָבן פריי און זיכער
געאָטעמט די לופט פון די פּוילישע וועלדער.
פון זיי טאַקע שטאַם איך!

נאָר איך בין אין אַנדערע צייטן געבוירן.
פאַר מיר האָבן אַנדערש
געבלאָזן די פוילישע ווינטן,
געיאָגט מיך, פאַרטריבן
צו אייך דאָ אַהער, מיינע ליבע,
געקומען דאָ אַן אָרעמע אימיגראַנטקע.

כ׳האָב דאָרט אין שטעטל געלאָזן
מיין יחוס, מיין כבוד, מיין גדולה,
כ׳האָב בלויז מיטגענומען אַלס סגולה
פון הייליקע אָבות חכמים,
צו זינגען אין אומעט אַ לידל.



אוראַלטע וועלדער. . .

(געווידמעט מיין שטעטל מעזריטש)

אוראַלטע וועלדער מיט סאָסנעס פיל שטאָלצע,
שטיבלעך צעוואָרפן, דעכלעך פון שטרוי,
זאַמדיקע וועגן, ברייט־גרינע פעלדער,
קאָרן פון גינגאָלד זיך שושקעט אַזוי.

ריטשקעס וואָס פליסן דורך ביימער, דורך בלומען,
וואַסער אַלייען, ווערק פון דער נאַטור.
מיין שטעטל אינמיטן, אַ צויבער, אַ שיינער,
לעבעדיק שטייט דאָס, איך זע אויף דער וואָר.

מיין שטעטל, מיין טייערס, אַזוי ווי אין חלום —
איך וואַנדער ביינאַכט פונעם „מילך־וועג" באַגלייט.
אַ צלם זיך זילבערט אין שיין פון דער לבנה.
אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן, עמעצער נאָך מיר גייט.

איך זע נישט קיין מתים, איך זע נישט קיין קברים —
איך שליס מיינע אויגן, כ׳גיי בראַוו אַנטקעגן שיקזאַל.
איך זע נישט קיין חורבות, קיין שדים, טייוולאָנים,
אין טרויער צעשראָקן מיר זוכן אַ שטראַל!

אַ שטראַל צו באַלייכטן דעם וועג פאַר מאַרטירער,
אַ שטראַל צו פאַרבלענדן דעם ווילדן געלויף
פון מערדער סאַדיסטן, פון ווילדע פאַרפירער —
דער טאָג פון נקמה ער וואַכט שוין אויף!

אָ הויכע ביימער, ביערעזעס איר שטאָלצע,
אין גרויזאַמען וווּנדער איר בויגט שטום די קעפּ;
די בלוט־רויטע וועגן פון הענקערס באַזויפטע —
באַדעקט זייער בושה מיט גרין־מאָכיקע צעפּ.

אַ צערונענער טרוים

אין מיין שטעטל, ביי דעם טייך־ברעג,
שטייט אַ בנין אויף דעם אָרט.
ס׳איז דער אַלטער בית־המדרש,
וואָס קלאָגט אויף זיין חורבן דאָרט.

אויף די שענק דאָרט אַלטע ספרים,
— שוין פאַרעלטערט, טויטע זקנים.
צווישן בלעטער דאָרט באַגראָבן
ליגן טרוימען מכל המינים.

ריינע, קינדערשע חלומות,
אָפּגעדאַרט ביים גמרא־פירוש,
האָבן דורות־לאַנג געמאָנט אַן ענטפער,
געבליבן אָבער זיינען זיי מיט יאוש. . .

האָבן צאַרטע יוגנט־הערצער
טיף געאָטעמט אין דעם אַמאָל.
שטיל באַלעבט די קלוגע מוחות,
גע׳חזרט בלעטלעך אָן אַ צאָל.

דאָרט אין ווינקל ביי דעם עמוד —
שטיל דערשטיקט באַגער און לעבן,
פלעגן די לעבעדיקע אותיות
מיט פאַנטאַזיעס אַרומשוועבן.

האָט נישט פאַרענטפערט די גמרא
קיין באַגערן, קיין פאַרלאַנגען.
שטום געבליבן איז דער תלמיד,
זיינע טרוימען זיך צעגאַנגען.

מיין באָבע

איך זוך יענע ליבע,
וואָס ברענט נישט, נאָר פינקלט
שטיל, טיף און איז ווייט פון באַגערן.
איך זוך יענע ליבע,
וואָס ס׳האָט נאָר מיין באָבע
געקענט אין מיין האַרצן פאַרמערן.

מיין האַרציקע הייליקע באָבע!
איר ליבע צוזאַמען מיט איר
ביינער שוין לאַנג געקומען צו קבורה.
נאָר אין מיין זכרון
האָט איר נשמה געצונדן
דאָס ליכטל אין טאָג פון הזכרה.

שוין לאַנג כ׳האָב געצונדן
דאָס צאַנקנדיקע פלעמל,
ווי ס׳איז דער באַפעל פון הלכה.
עס פלאַטערט און ציטערט
מיין באָבעס נשמה
און ברענגט, ווי אַמאָל מיר אַ ברכה.

שכנים

זייט געזונט, ליבע שכנים,
פריינד, באַקאַנטע, קרובים, אַלע!
כ׳פאָר אַוועק, לעבט וואויל, געדענקט מיך,
זכרון ביים מענטש — אַ גוטע מעלה.

רכילות, פלאָטקעס, קנאה, נישט פאַרגינען,
צעפליען זיך ווי לופט־באַלאָנען.
טריישאַפט, פריינטשאַפט דאָ פון אייך
האָב איך ווייניק צו דערמאָנען.

דאָך, איך האָב מיט אייך צוזאַמען
פיל געלעבט, מיין יוגנט לעבן.
בלייבט איר מיר איצט ליב און טייער,
מוז איך אייך פאַר אַלץ פאַרגעבן.

אָ, מוטער. . .

זאָג, מוטער, האָסטו חרטה
אויף דיין פרילינג, וועלכן
האָסט פאַר מיר פאַרשווענדט?
וואָס האָסט די מאַכט פון דיינע
בלוטן אין מיר געגאָסן
און איך האָב מיט דורשט
דיין יוגנט־קראַפט געזויגן?

נעמט אַרום אַ באַנג דיך, מוטער,
ווען דו זעסט די זאָמען דיינע
אין מיין קערפּער בליען?
קלעמט דיין האַרץ זיך מיט קרעמפּן
און דו קלערסט: דיין לעבן
וואַקסט אין מיר, ווי אַ ירושה?
ווייטיקט דיר? אָ, זאָג מיר, מאַמע.

אָדער שרעקסט זיך פאַר פאַרשווינדן;
ביסט צופרידן, וואָס דיין האַרבסט
האָט אין אַ פרילינג זיך פאַרוואַנדלט?
פילסט זיך, אפשר, ווי אַ שעפער,
וועלכער וויל זיין גאַנץ לעבן,
וועלכער וויל זיין לוסט, זיין שטרעבן
אין דער שאַפונג זיינער גיסן?

פילסט זיך, מוטער, ווי אַ קינסטלער,
וועלכער שענקט אַוועק מיט ליבע
זיין נשמה, גייסט, האַרץ דאָס רייכע,
ברענגט צופרידן מיט דעם קרבן,
זיין גאַנצן „איך" דעם ווערק?
ביסטו שטאָלץ מיט דיין יצירה?
גלעטסט מיך, מוטער, מיט דיין ליבע?

אָ, מוטער, זאָג מיר, כ׳וויל ׳עס וויסן!. . .

כ׳וועל מזכיר זיין. . .

איך בין שוין גרייט!
נו, קום שוין, קום!
מיט שוואַרצע ליכט
צינד דעם אַרום!

איך וויל ביי זייער
הייסן פלאַם
מיין איך באַקלאָגן,
מיין טויטן שטאַם.

קום, ברענג די יזכור־ליכט,
כ׳וועל מזכיר זיין אַ האַרץ,
וואָס האָט אַמאָל געלעבט
מיטליידן און מיט שמאַרץ.

כ׳וועל מזכיר זיין אַ לעבן,
און אַלץ וואָס איז אַרום.
צינד אָן די שוואַרצע ליכט,
נו, קום שוין, קום!



צו אַ שוועסטער. . .

אָ, ווי איך ליב דיך, יידיש מיידל,
דיינע שוואַרצע מזרח־אויגן,
וועלכע פינקלען מיט אַ טיפן פייער
און באַהאַלטן זיך טרויעריק
אונטער די געדיכטע ברעמען.

אָ, ווי איך ליב דיך יידיש מיידל!
ווען דו שטייסט אַזוי ביים שפיגל
און דו קעמסט די שוואַרצע צעפּ,
און אַ לאַנגן טרוים, אַ צאַרטן
וועבסטו זיך אַזוי אומעטיק. . .

יאָ, אומעטיק, אָ ליבע שוועסטער!
דער נאַציאָנאַלער אומעט דיינער —
די ירושה פון דור־דורות,
מילד מיט יידיש חן באַצירט ער
דיינע שיינע צאַרטע שטריכן.

שרעק זיך נאָר נישט, ליבע שוועסטער!
זיי גובר די ווילדע תאווה,
וועלכע וויל דיין יונגע ריינקייט
בלויז צעשטערן אָן אַ סיבה,
זאָל די אומשולד אייביק דיך באַצירן. . .

שרהקע

שרהקע איז אַ סמוטנע מיידל,
שטענדיק טראַכט זי, שטענדיק קלערט.
זי וויל דערגייַן דעם סוד פון לעבן
און אַלץ טרויעריקער זי ווערט.

זאָגט אַ חברטע צו שרהקען:
— „קום, מיר וועלן גיין שפּאַצירן״.
— „כ׳וועל אַ ביכל בעסער לייענען״.
זי פון אָרט נישט וויל זיך רירן.

קומט אַ צווייטע: — „הער נאָר, שרהקע!
כ׳בין אַ שיינעם סוד דערגאַנגען,
דיינע טרויעריקע אויגן
האָבן אַ מאַנס האַרץ געפאַנגען.

„האָסט אַ האַרץ געפאַנגען, שרהקע!
און עס ברענט מיט העליש פייער.
קום צו נענטער, וועסט זיך וואַרעמען.
ס׳איז אַ חבר, אַ געטרייער.

„טראָג צו אַ שייטל האָלץ מיט ליבע
צום מזבח פריילעך, לוסטיק.
זאָל דער קרבן זיין דיין בענקשאַפט
און באַקעמף דיין אומעט מוטיק״.

— „ניין, אָ, חברטע, איך קען נישט.
מיר מיין אומעט ליב איז, טייער.
כ׳וויל נישט מקריב זיין מיין בענקשאַפט,
ס׳קען פאַרניכטן אַלץ דאָס פייער!״.

שרהקע איז אַ סמוטנע מיידל,
שטענדיק טראַכט זי, שטענדיק קלערט.
וויל דערגייַן דעם סוד פון לעבן,
נאָר ביז איצט דאָס נישט באַשערט.

צווײ רויזן

שטײט די רויז אין שײנעם גאָרטן.
צום הימל רײַסט דאָס שטאָלצע קעפּל
און פול מיט העזה טענהט:
נאָך וואָס, באַשעפער,
האָסט מיך דאָ געפלאַנצט,
מיט טוי געשפּײזט,
כדי פון גראָבע מענטשלעכע
הענט געריסן צו ווערן?

טרויעריק, אין אַ פאַרוואָרפענער וויסטע
שטײט די רויז, דעם קאָפּ
צו דער ערד געבויגן און קלאָגט:
נאָך וואָס, באַשעפער,
האָסט מיך דאָ פאַרוואָרפן?
אומבאַמערקבאַר זאָל מײַן פראַכט
פאַרוועלקן, און פון מײַן שײנקײט
זאָל קײן מענטש נישט געניסן. . .

צווײ רויזן, זײ וואַקסן
אויף פאַרשײדענע ערטער.
צו גאָט זײ דריקן אויס צאָרן,
יעדע מיט אַנדערע ווערטער.



קינדערלעך

בלוט און פלייש און נאָך מער,
אַ נשמה — טייער, האַרציק,
געקומען זיינען פון גענוס,
פון ליבע און פון גליק.

שוואַרצע אויגן, אַ קליין נעזל,
שוואַרצע ברעמען, גלייך און שיין,
רונדע בעקלעך, רויטע ליפּן,
אויסגעטאָקטע שנירלעך ציין.

קליינע, אומשולדיקע קינדער,
יעדער לאָק פון קאָפּ דעם שוואַרצן,
אַ טרוים איז, אַ צערטלעכקייט,
עס וועקט ליבע אין מיין האַרצן.



אַ נשמה, וואָס זוכט. . .

דער טאָג איז שיין מיט זיינע שטראַלן,
ער כּישופט און רייצט מיט זיין ליכט.
דאָך איז ער צו שוואַך צו באַהערשן
אַ פאַרבענקטע נשמה, וואָס זוכט. . .

די כּוחות פון נאַכט זיי דערשרעקן,
מיט סודות און פינצטערער מאַכט.
דאָך, נאַכטיקע גייסטער, זיי וועקן
אַ זוכנדיק האַרץ, וועלכעס טראַכט. . .

נאָך נישט אַלץ האָט ס׳לעבן גענומען,
ביי מיר איז געבליבן נאָך פיל. . .
יאָ, מיין פאַנטאַזיע איז נאָך פעיִק צו שפּינען
אַ טרוים פאַרטיפט אין מיין האַרץ־געפיל.

און אָפט, ווען ס׳דאַכט, אַז ס׳זינקט שוין מיין לעבן,
עס זינקט טיף אין תהום פון דער צייט. . .
דאַן פיל איך, ווי ערגעץ הויבט זיך אָן וועבן
אַ חלום, וואָס שפּינט אַוועק גאָר ווייט. . .

צו אַ הונגעריקן

ווען דער יאָך פון לעבן לאָזט דיך אָפּ,
ס׳טרעפט זיך, ביסט גאָר זאַט אַמאָל.
געגעסן האָסט אַ גוטע סעודה,
אויף מאָרגן האָסט נאָך געלט אָן צאָל.

דאַן הוליע קבצן, מאַך זיך לוסטיק,
אויף די צרות טו אַ שפּיי.
מאַך אַ שפּאַס גאָר פונעם לעבן,
גלויב מיר, פריינד, עס איז כדאי!...

ס׳איז כדאי אַ רגע פילן
דעם טעם פון רייכע אָן די זאָרגן.
דעריבער זאָלסטו הוליען היינט,
קלער נישט, וואָס עס וועט זיין מאָרגן.

אַ בלימעלע

זאָג מיר, איז עס אמת?
כ'האָב געהערט, מען האָט דערציילט,
אַז איבער וועלדער, איבער פעלדער,
איבער ימים, גאָר, גאָר ווייט,

איבער וויסטעס און מדבריות
איז פֿאַראַן אַזאַ מין גאָרטן;
אינעם גאָרטן וואַקסט אַ בלימל,
גאָר אַ ווונדערלעכעס דאָרטן.

סאַראַ ריחות, סאַראַ טעמים
איז פֿאַראַן אין אָט דעם בלימל.
צויבער פֿאַרבן און קאָלירן —
אַ רעגנבויגן אין דעם הימל. . .

און עס האָט אַזאַ מין כּישוף
טיף אין זיך, כ'האָב געהערט,
אַז ווער ס'געפֿינט עס בין־השמשות,
דער באַגליקט פֿון דעם ער ווערט.

און געהערט האָב איך נאָך זאָגן,
אַז ווייניק זיינען זוכה גאָר
צו פֿאַרבלאָנדזשען אין דעם גאָרטן
און זען דאָס בלימעלע אויפֿן וואָר.

אפשר ווייסט איר וועלכע וועגן?
— כ'וועל זיך לאָזן אַהין דאָרטן.
כ'וועל די פֿיס אין דערנער בלוטן,
גיין זוכן וויל איך אָט דעם גאָרטן.

דאָס גאָלדענע פישל

אַ ברויזנדיקער ים איז דאָס לעבן,
פאַר׳חלומטע פישער בלאָנדזשען אין תהום.
זיי זוכן אַרום דאָס גאָלדענע פישל,
עס זאָל באַגליקן זייער טרוים. . .

דו זיי נישט ווי יענע, מיין פריינד,
דאָס גאָלדענע פישל נישט זוך.
ס׳איז נאָך ביז היינט דאָס נישט געבוירן,
אַ לעגענדע ס׳איז נאָר אין בוך. . .

צו שנעל. . .

צו שנעל איז מיין קינדהייט פאַרפלויגן,
פון יוגנט קיינמאָל נישט געטראַכט.
שוין לאַנג ווי עס האָט פאַרצויגן
מיט אומרו דער כמאַרנער פאַרנאַכט.

זעלטן געדענק איך אַ פייער־פונק,
נישט געהאַט דעם מוט, די מאַכט.
אין האַרצן בלויז כ׳פיל דעם דראַנג
פונעם קאַמף צווישן טאָג און נאַכט.

פרילינג

דער פרילינג קערט זיך ווידער אום,
מיט וואַרעמקייט און ליכט.
די זון באַשמייכלט אַלץ אַרום,
ליריש־האַרציק ווי אַ געדיכט.

דאָך איך אַליין בין רויק, קאַלט
און נאָר מיין האַרץ איז טויט און אַלט.

אין אַ פרילינג־נאַכט

אין אַ פרילינג־נאַכט, אומעטום,
ווען פאַר׳כישופט איז דער אַרום.
קום צו מיר דאָ, קום, אָ קום!
ווי אַ בין קומט צו דער בלום.

אין מיין גאָרטן שטום, פאַרבענקט,
כ׳בלאָנדזשע אום אַזוי פאַרקרענקט.
כ׳זוך מיין חלום אין הימל־רוים,
כ׳פיל, אַז כ׳בין אַליין אַ טרוים.

פול מיט רייץ און צויבער־לוסט
אָנגע׳שיכורט איז מיין ברוסט.
ס׳וועקט און רייצט מיך יעדע בלום,
כ׳וויל פאַרשלינגען אַלץ אַרום.

שניי

כ׳האָב ליב דעם טיפן שניי,
ווען כ׳מוז אָנטאָן שטיוול;
כ׳האָב ליב דעם האַרטן שניי,
וואָס ליגט אַרום מיין שטיבל.

איך גיי אַרויס פון הויז
און איך ווער פאַרבלענדט:
גלאַטע וועגן, בערג פון שניי,
און ווייסקייט אָן אַן ענד.

די הויכע, ווייסע דעכער,
ווי מיט פוך געדעקט.
אויף אַ בוים נאָך העכער,
אַ פויגל אַ קערנדל אַנטדעקט.

און ווי דורך אַ צויבער,
שטייט אַ מענטש פון שניי:
אַ מויל, אַ נאָז, שוואַרצע קוילן
אויפן אָרט פון אויגן צוויי.

קומט קינדער צו מיין פענצטער,
אין דעם שניי שפילט זיך שיין.
וואַרפט דעם שניי פלייסיק, פריילעך,
מאָרגן וועט ער שוין צעגיין.

איך האַס. . .

טיף האַס איך אַ שטייענדיק וואַסער,
ווען עס ווערט שמוציק און שוואַרץ
אוןס׳ווערט באַדעקט מיט אַ דיקן שימל.
איך שטרעב צו אייך כוואַליעס,
אָ, טראָגט מיך אַוועק ווייט
איבער ימים ביז צום הויכן הימל.

איך בענק נאָך די ווינטן,
זיי זאָלן זיך צעשטורמען,
און דערהייבן הויך מיין נשמה.
בלויז איר קענט מיר העלפן
פאַרניכטן דאָס שלעכטע,
בלויז דאָס וועט זיין מיין נקמה. . .

מיך וועט גאָרנישט שרעקן
דאָס גרויזאַמע ברומען
פון די טייוולשע, מעכטיקע כוחות.
איך וויל פאַר זיך שמידן
אַ מעכטיקע דענק־קראַפט
צו באַקעמפן די שטורמישע רוחות. . .

דער ווינט

ברמ... ברמ... ברמ... עס קלאַפּט אין פענצטער
ביי מיר אַ ווילדער, בייזער גייסט.
אויפן דאַך יאָגט דער שטורעם־ווינט,
ער קלאַפּט, ער וואַרפט, ער רייסט. . .

אין מיין צימער ליג איך איינזאַם,
כ׳הער זיך צו צום ווילדן טאַנץ,
כ׳פּאָלג נאָך מיט שרעק דעם שפּיל פון טייוול,
וועלכער פלעכט אַ טויטן־קראַנץ.

ער קלייבט צונויף די טויטע בלומען
פּאַר נפשות שוואַכע־קראַנק.
זיי דער ווינט וועט היינט פּאַרווייען
און וועט אויספייפן אַ געזאַנג.

אין שטורעם

אין שטורעם, אין קאַמף וויל איך לעבן און דענקען;
אין שטורעם, אין קאַמף פאַרברענען טאָג און נאַכט.
קיין צייט נישט האָבן דאָס לעבן צו באַדענקען,
אין קומענדיקן ליכט כ׳וויל גלויבן און מאַכט!

אַ לייכטנדיקער שטערן וועט זיין מיר דער גלויבן;
די מאַכט פון אידעאַלן — דעם מענטשנס באַלוין.
איבערגעפולט שוין איז דער כוס מיט די טרערן,
ער גייט שוין אַריבער — זיג מוז קומען שוין.

דער זיג פון די שוואַכע און מידע צוזאַמען;
דער זיג איבער פחד, דער זיג איבער נויט;
דער זיג פון שקלאַפן, וואָס וויינען מיט טרערן
און מיט בלוט זיי באַצאָלן פאַר אַ ביסן ברויט.

די נאַכט

שטיל אַרום!
עס הערשט די נאַכט.
זינקט אין שלאָף אַלץ אַרום,
איך נאָר האָב אויפגעוואַכט.

אומבאַוועגלעך ליג איך שטיל,
פול מיט יראה און אַכט.
איך וויל נישט צעשטערן
די מאַיעסטעט פון דער נאַכט. . .

כ׳וויל מיט אַלע חושים
אַריינדרינגען און פאַרשטיין,
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
דעם טיפן סוד דערגיין.

מיר חלומט זיך אָן שלאָפן,
אַ קראַפט איז ערגעץ ווו פאַרבאָרגן,
וועלכע זאַמלט נייע כוחות
פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

אַלץ אַרום שלאָפט נאָך טיפער,
פון חלום שוין כ׳האָב אויפגעוואַכט.
כ׳זוך דעם שליסל אין דער שטילקייט,
איך וויל אויפשליסן די נאַכט. . .

אויפֿן טייך

ווען דו וועסט אַן אָפּרו זוכן
נאָכן טאָגיקן גערויש,
לאָז צום טייך דיין שיפל שיפֿן,
אינעם ווייכן וואַסער־שויס.

וועסט אין שטילקייט דאַן פֿאַרזינקען,
אין דער געהיימניספולער נאַכט.
וועסט פֿאַרטויבן די גערוישן,
וועלכע האָסט פֿון גאַס געבראַכט.

און אַ ווינט וועט פּלוצלינג קומען,
אין אויער פֿאַרטרויען דיר אַ סוד
פֿון אומ׳ממשותדיקע טרוימען,
וואָס דרייען זיך ווי אין אַ ראָד.

עס וועט פֿון הימל די לבֿנה
זיך אויף וואַסער־כוואַליעס וויגלען,
שטיל און שעמעוודיק דיר נאָכגיין
און אין וואַסער וועט זיך שפּיגלען.

ס׳וועלן דיר די שטערן ווינקען
און באַצויבערן די נאַכט.
ווי אין כּישוף וועסט פֿאַרזינקען
אינעם שיינעם וואַסער־פּראַכט.

אָבער, פּלוצלינג, וועסט דערזען
פֿון נאָענטן ברעג אָדער ווייט,
בוימער־סילועטן שטייען
ווי סאָלדאַטן ביי דער זייט.

אין דיין שיפל דוּ וועסט שווימען
לאַנגזאַם, ערנסט און פאַרטראַכט.
צווישן וואַסער און דעם הימל
וועסט באַוווּנדערן די נאַכט.

ווען דו וועסט אַן אָפּרוּ זוכן,
ווען דער טאָג וועט ווערן אויס.
לאָז דיין האַרץ־געמיט אָפּרוּען
אינעם ווייכן וואַסער־שויס.

מיין פערדל

כ׳האָב ליב אין אַ שטורעם ווייט זיך צו יאָגן,
ווייט, גאָר ווייט, ווו ס׳דערגרייכט בלויז דער ווינט.
דאַן בעט איך מיין פערדל, עס זאָל מיך פאַרטראָגן,
פליענדיק, שטורמיש, שנעל און געשווינד. . .

איך זיץ אויף זיין רוקן, איך נעם אָן זיין גריווע,
איך זאָג אים אין אויער אַ סוד:
„טראָג מיך, מיין פערדל, ווו ערד מיט די הימלען,
טאַנצן צוזאַמען אין איין קאַראַהאָד״.

טראָגט זיך מיין פערדל ווי פייל פונעם בויגן,
קוים וואָס ער רירט אָן די ערד.
און פלוצלינג. . . עפּעס שוועבט פאַר די אויגן,
אַ שאָרך פון אַ גייסט זיך דערהערט.

ער שוועבט איבער פעלדער, ער שוועבט אין די וועלדער,
ער שוועבט אין אומענדלעכן רוים. . .
אָפּט פאַרבלאָנדזשעט ער אַריין אינעם טייכל,
צווישן די גרעזעלעך הערט מען אים קוים.

און האָב איך דערפילט דעם אומזעאיקן גייסט,
ער האָט מיין נשמה דערציילט אַלץ גענוי.
אין האַרצן דערוועקט אַ קוואַל פון געפילן,
ר׳האָט מיך פאַר׳כישופט, פאַר׳שיכורט אַזוי.

נו, טראָג מיך, מיין פערדל, טראָג זיך נאָך שנעלער,
מיר וועלן באַגריסן דעם מעכטיקן גאָט.
ער האָט מיך באַלויכטן און האָט מיך באַשענערט,
געשאָנקען האָט ער מיר זיין געטלעכן גנאָד.

יאָגט זיך מיין פערדל ווי אַ פייל פונעם בויגן,
פון האַרצן אַרויס שאַלט אַ הילכיק ליד.
העכער און שנעל טראָגט מיך מיין פערדל,
איך רייט און איך פלי, איך ווער גאָרנישט מיד.

מיין האַרץ

איך האָב אַ האַרץ, אַ ברייטס,
וואָס רייסט זיך, זוכט אַ צייכן.
מיט שטורעם־תאווה הויך צו הימלען,
עס וויל מיין האַרץ דערגרייכן.

איך בין נאָר אַ מענטש געבוירן,
כ׳האָב קיין פליגל נישט צו פליען.
זאָל איך טייוול אָדער מלאך בעטן,
ווער עס זאָל זיך פאַר מיר מיען?!

כדי מען זאָל פון טיפן ווייטיק
אַ פאַרשקלאַפטעס האַרץ באַפרייען,
עס זאָל אויפהויכן אַ נשמה
אויף דער וועלט פרייד־זאָמען זייען...

אָדער כ׳זאָל מיין האַרץ אָפקילן,
מיין נשמה שטיל איינרוען.
זאָגט מיר, וועמען זאָל איך בעטן
זיי זאָלן זיך פאַר מיר באַמיען?!

עס לויפן טעג. . .

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך,
זיינען זיי דען נישט אַלצאיינס?
טעג, זיי וועלן שנעל פאַרפליען,
פון זיבן וועט ווערן איינס.

וועט דער אומרו זיין דער זעלבער,
קיינמאָל וועט ער נישט פאַרגיין.
לעבן, בענקען, פריידן, ליידן,
ווער קען אייך פאַרשטיין?

זיינען מענטשן קלוגע אַלע,
בויען וועלטן פיל.
לויפן, יאָגן, כאַפּן, שלאָגן,
און ווערן פלוצלינג שטיל.

מענטשן זיגער, שטאָלצע געטער,
הויבט נישט הויך דעם קאָפּ.
ערגעץ שפּילט אַ בלינדער ווילן, —
די טעג זיי לויפן אָפּ!

אַ גוסס

די נאַכטיקע שטילקייט
האָט עמעץ פאַראַטן,
אַ קרעכץ אין אַ שטילן
פאַרגיין. . .
אַ קראַנקער, אַ גוסס,
דאָרט קעמפט פאַר זיין לעבן. . .
זיין שווערע לאַגע ער וויל נישט
פאַרשטיין.

פיר רעדלעך, אַ ברעטל,
אַ לאַנג אייזן־בעטל,
אין ווינקל דאָרט וואַרט עס
מיט שרעק. . .
קיין שרייען, קיין וויינען,
קיין בעטן, קיין טרערן,
פון דאַנען פירט מען וואָס
שנעלער אַוועק. . .



אַ ווילדער טאַנץ

דעם טעם פון טאַנץ כ׳וויל פילן
כאָטש אַ מינוט פון טייוול־גליק.
נו, קום זשע, קום, מיר וועלן זיך
פאַרטאַנצן אין אַן אויגנבליק.

וועלן מיר זיךביידע דרייען,
רונדיק ווי אַ בלומען־קראַנץ.
יאָגן זיך אין טייוול־ראָד,
אין אַ ווילדן יוגנט־טאַנץ.

וועלן זיך אונדזערע בלוטן
צעזידן ביז גאָר אַ שרעק.
צעפינקלען וועלן זיך די אויגן
ביז מיר וועלן זען אַן עק.

קום זשע, לאָמיר טאַנצן
אין אַ ווילדן קאַראַהאָד.
פילן כ׳וויל אויף איין מינוט
דעם טייוולס ווילדן ראָד.

דער קוואַל

ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אַ שטראַל,
און ווידער איז געוואָרן נאַכט.
פּליסט אומרויִק זיך אַ קוואַל
און מיט בענקשאַפט פול ער וואַכט.

יאָרן לאַנג שוין פּליסט ער טיף
אין דער ערד מיט גרויס כּוונה.
אין דער טיף ער גראָבט אַן אוצר
פאַר אַ העלד — אַ מתנה.

פאַר אַ העלד, וואָס דרייסט וועט קומען,
אָן אַ שאָס און אָן אַ קנאַל.
ווער דעם שליסל וועט געפינען,
דער געניסן וועט פון קוואַל. . .

צו וואָס טראַכטן. . .

צו וואָס זאָל איך טראַכטן און זאָרגן?
— איך האָב נישט קיין היינט,
איך האָב נישט קיין מאָרגן.
די צייט האָט פון לאַנג שוין
דעם נעכטן דערוואָרגן.
צו וואָס זשע דען טראַכטן און זאָרגן?!. . .

וואָס גייט מיר אָן. . .

וואָס גייט די וועלט מיר אָן, די מענטשן?
וואָס מיר זייער גליק?
— כ׳בין דאָס קינד פון אייגנליבע,
געבוירן אין אַן אויגנבליק.

נישט פון מיר געטראַכט האָט מיין פאָטער
אין יענער שוואַרצער נאַכט.
בלויז זיין תאווה צו מיין מוטער
האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט.

נישט געזוכט האָט דאַן מיין מוטער
אויסצוטראָגן אין זיך אַ העלד.
זי האָט נאָר בלויז געוואָלט געניסן
פון אַ ליבע אויף דער וועלט.

גיס די כּוסות אָן!

נעם גיס די כּוסות אָן,
מיר גיב דעם פֿולסטן כּוס.
כ׳וויל זיך היינט אָנטרינקען
ביז טויט פֿון וויין־געניס.

זאָל פֿון דער טיפֿעניש אַרויס
דער מלאך פֿון באַגער
און זאָל ער מיך אויף תּמיד
נישט פּייניקן שוין מער.

נעם גיס די כּוסות אָן.
מיר גיב דעם כּוס דעם פֿולן.
זאָל דער טייוולשער געניס
מיין שטאַרקן דורשט איינשטילן.

אַמאָל און היינט

דער טרוים, ער האָט מיין דראַנג באַצירט,
די האָפנונג האָט מיין וויי פאַרווירט.
מיין צוקונפט האָט מיין וויג געוויגט,
איר כּישוף־שלייער האָט אַלץ באַזיגט.

כ'האָב יענע ווייטקייט שוין דערגרייכט,
דער מאָרגן שוין פון לאַנג אַ היינט.
אַוועק די האָפנונג און דער טרוים,
געבליבן בלויז אַ פוסטער תהום. . .

מיין כּעס. . .

און האָב איך געטרונקען
אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּן
פון לעבנס פאַרגיפטעטן האַס.
ביז ענדלעך פאַרגיפטעט
מיין האַרץ איז געוואָרן,
ביז ענדלעך געבוירן מיין כּעס. . .

דער גיפטיקער צאָרן אויף
אַלץ, וואָס לעבט גליקלעך
אין אומזיניק זאָרגלאָזער פרייד;
אויף די, וועמענס הערצער
זיינען שטייף און קאַלטבלוטיק,
צו קענען פאַרשטיין יענעמס לייד.

צו דער ליבע

די געשיכטע פון דער ליבע
איז געבוירן מיטן ערשטן מענטש.
לעבט זי אייביק, אייביק,
און וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן,
ביז דעם לעצטן אָטעם
פון דעם לעצטן מענטש. . .

און ס׳זינגען שירה צו דער ליבע
אַלע, ווער עס האָט אַ פּען נאָר,
ווער עס האָט אַ האַרץ נאָר,
ווער ס׳פאַרמאָגט געפילן, טרוימען,
אַלע מוזן קניען צו דער
אַלטער, אייביק יונגער ליבע. . .

די לוסט. . .

טאַ, טאַ, טאַ, עס קלאַפּט מיין האַרץ,
פון בושה, צי פון גליק? !
כ׳האָב דערזען אים פון דער ווייטנס,
כ׳קען נישט אָפּווענדן מיין בליק.

פון פרייד צי פון פאַרדרוס,
הויבט זיך שטאַרק מיין ברוסט.
טאַ, טאַ, טאַ, די ליבע גליט
און אפשר גאָר די לוסט? . . .

מײַן האַרץ געהערט קײנעם

כ'ליב דיך! און דו װילסט
כ'זאָל מײַן האַרץ דיר פֿאַרקױפֿן.
כ'זאָל שװערן, אַז עס זאָל
דיר אױף שטענדיק געהערן.
כ'זאָל אײביק פֿאַרצױמען
דאָס ברױזנדיקע שפּילן,
כ'זאָל מיט צװאַנג קילן
מײַנע הײסע באַגערן.

זײ זאָלן נישט זוכן קײן נײַע געמיטן,
זײ זאָלן דאָס אַלטע ביז שימלען אָפּהיטן. . .

נײן, כ'װעל נישט פֿאַרצױמען
די ברױזנדיקע כװאַליעס,
װאָס װילן זיך פּליאַסקען,
שטיפֿן און שטורעמען.
זאָלן זײ אומגעשטערט
אײַנשלינגען אַלץ,
װאָס ס'װילט זיך זײ
קרעפּטיק אַרומאָרעמען!

נײן, כ'װעל נישט פֿאַרקױפֿן די געפֿילן מײַנע
און נישט לאָזן מײַן האַרץ געהערן צו קײנעם!

דיך ליב איך נישט. . .

ווי קען איך דיך ליבן?!
אַזוי פלאַך איז דיין קליינע נשמה,
דיין גייסט איז אַזוי אָרעם,
דיין האַרץ איז קליינלעך און ענג!
פאַר מיר האָט מיין חלום
פיל רייכער געשפינען;
מיין טרוים האָט אַ העלד
מיר געוועבט.

ניין, כ׳קען דיך נישט אַכטן!
כ׳האָב דיך נאָך קיינמאָל געליבט.
און אפשר ט׳אַמאָל גערויטלט זיך מיין פנים,
אומשולדיק פאַרשעמט זיך
ביי דיין פלוצלינגדיקן קומען,
האָט אויך נישט געגאַרט דאַן מיין „איך".
געריצט פון דיין מענערשער קראַפט
האָט קוים נאָר די פרוי דאַן געוואַכט.

כאָטש בלייבן פריינט. . .

ס׳האָט אונדז דאָס לעבן צוזאַמענגעוואָרפן
אויף אַ קורצער, דאָך שיינער צייט.
איצט וועט דער גורל אונדז ווידער צעשיידן,
נו, זאָלן מיר כאָטש בלייבן פריינט!

ס׳וועלן די כוואַליעס אונדז ווייט צעטרייבן,
אין ים פון לעבן מיט שווער׳קייטן שווימען.
אפשר פאַר איינעם וועט זיך ס׳לעבן צעשמייכלען,
פאַר דעם צווייטן זיך אפשר פאַרקרימען. . .

און וועט אונדז דאָס לעבן טאָג־טעגלעך באַשענקען
מיט נייע, אומדערוואַרטעטע ליידן.
צי וועסטו אין לעבן אַמאָל נאָך געדענקען
אַ ווייטע, אייביק בלאָנדזשנדיקע פריינדין?

מײַן װוּנטש. . .

כ׳זאָל װינטשן דיר גליק ? !
— ס׳װאָלט אַ ליגן געװען. . .
אַ האַרץ באַלײדיקט גאַרט נקמה.
כ׳זאָל װינטשן דיר לײדן,
דײַן װעג זאָלן שטײנער באַװאַרפֿן ? !
— דיך ליב איך דאָך !. . .

כ׳װעל בלױז אַ װאָרט יאָ דיר זאָגן,
אַ װאָרט, אַ שאַרפֿס,
ס׳זאָל אײַנקריצן זיך דיר אין האַרץ
און אײביק חלומען זאָל דיר
די מײַסטערין פֿון װאָרט. . .

אײביק זאָל איר שאָטן דיך באַגלײטן,
אין מינוטן שיכורע פֿון גליק
אױפֿװעקן זאָל אַ טיפֿע װוּנד.
און זאָל דאָס װאָרט מײַן נאָמען זײַן.
איך װינטש דאָס דיר !

די בענקשאַפט

אויף דער גרענעץ — בין־השמשות —
האָט זיך טאָג מיט נאַכט באַגעגנט;
האָט זיך נאַכט מיט טאָג באַהאָפטן,
בלויז אַ ווײַלע. . . זיך געזעגנט.

כאָטש צו קורץ געווען די ווײַלע,
גרעסער איז געווען די תאווה —
זײַנען בײדע ווי אײנס געוואָרן,
פּונקט ווי די ערשטע — אָדם און חוה.

פון דעם לאַנגן טאָג, דעם הײסן,
שטאַרקע לוסט־באַגערן הויערן.
האָט די נאַכט זײ אַרײַנגענומען
און. . . די בענקשאַפט איז געבוירן.

און ווען עס קומט דער בין־השמשות,
קענסט טרעפן בלאָנדזשען אויף די וועגן,
פון באַגער דאָס קינד — די בענקשאַפט,
אַלע גײסטער עס לויפט אַנטקעגן.

בין־השמשות

אַך, זינג מיר אַ לידל,
אַ ליד פון בין־השמשות.
דערצייל אין דעם לידל
וועגן בענקשאַפט און טרוים,
פון זיידענער בענקשאַפט,
וואָס וועבט אַ פאַרנאַכט מיר
און חלומט אַזוי זיס
אין דופטיקן רוים.

כ׳פיל ווי עס האָבן זיך
צוויי הערצער באַגעגנט.
דער טאָג אָנגעשטויסן
האָט זיך מיט דער נאַכט
און גלייך זיך צעגאַנגען.
איך פיל די צעשיידונג.
אָט הער איך, ווי ס׳צאַפּלט
דאָס האַרץ פון פאַרנאַכט.

אָט וועבט ער דעם אומעט
פון ליבע און בענקשאַפט,
דער אומעט געטונקען
אין שמערצלעכער פרייד.
דו פילסט נישט, ווי ס׳קלעמט
מיין נשמה אין ענגשאַפט,
אין קרענקלעכן תעניג
מיין האַרץ דאָ צעגייט.

האַרציקע, ווייכע מעלאָדיעס כ׳וויל הערן.
זינג מיר ווידער פון בין־השמשות אַ ליד.
דערצייל אין דעם לידל פון האַרצנס באַגערן,
הערן ס׳ליד פון בין־השמשות — כ׳ווער נישט מיד. . .

קורצע דערציילונגען

די ערשטע אַנטוישונג

ס׳איז געווען אַ ווונדערבאַר־שיינער ראש־השנה טאָג. אַן אמתער זומער־טאָג, איינער פון די הייסע טעג, וועלכע פאַרבלאָנדזשען זייער אָפּט אין שפּעטן זומער. אין דער רוסישער ליטעראַטור ווערט די דאָזיקע צייט באַצייכנט מיטן נאָמען ,,באַביע ליעטאָ״. אַ גלויבן גייט אַרום צווישן פאָלקס־מענטשן, אַז די פאַרשפּעטיקטע זומערדיקע טעג האָט גאָט געשאָנקען פאַר די אומגליקלעכע שלימזלניקעס, וועלכע האָבן נישט באַוויזן זיך צו פאַרליבן במשך דעם גאַנצן זומער; פאַר אָט די, וואָס זיינען נישט גענוג געשיקט געווען אויסצונוצן די הייסע זומערדיקע טעג און נעכט. פאַר די דאָזיקע וואַרפט גאָט צו נאָך אַ פּאָר שיינע טעג, נאָך אַ פּאָר ליכטיקע לבנה־נעכט און זאָגט: ,,קינדערלעך, איילט אייך צו, געפינט אייער גליק, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט, כל זמן ס׳קומען נישט די נאַסע קאַלטע טעג מיט דער גרויער עלטער...״

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג ראש־השנה. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעהילט אין דעם גרויסן יום־טוב. נישט נאָר די יידן האָבן געפּראַוועט דעם הייליקן טאָג, נאָר אַפילו די גויים זיינען אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט די יידישע מנהגים. אַלע יידן זיינען געווען אויסגעפּוצט און אַלץ איז געווען פאַרפּוצט. די גרעסערע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך געפונען אין שול. נאָר די, וואָס זיינען דאָרט נישט געווען, האָבן זיך. גרופּנווייז אַרומגעשלעפּט דערנעבן. דער אַריינגאַנג אין שול איז געווען באַלאַגערט פון קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעריסן אַ פריילעך געלעכטער פון אַ גרופּע אונטערגעוואַקסענע מיידלעך און יינגלעך.

נחומקע, אַן אַכט־יאָריק ייִנגל מיט אַ ליכטיק פּנים, מיט אַ פּאָר קלוגע, שוואַרצע אויגן, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, ציגיינערישע לאָקן, איז געשטאַנען אויפן גאַניק פונעם הויז. ער האָט אומגעדולדיק געקוקט צו דער שול, וועלכע האָט זיך געפונען אַנטקעגנאיבער דער גאַנצער, לאַנגער גאַס פון זיינע עלטערנס הויז. ס׳איז געווען ,,אויסנעמענס״ (ווען מען נעמט אַרויס די ספרי־תורה צום לייענען). אַ געדיכטער, לעבעדיקער שטראָם מענטשן האָט זיך פון שול געטראָגן.

נחומקעס מוטער איז אַהיים געקומען. מען האָט געטרונקען אַ ביסל וויין און פאַרביסן מיט האָניג־לעקעך. דאַן זיינען אַלע אַוועק צוריק אין שול הערן שופר־בלאָזן.

נחומקע האָט שטאַרק ליב געהאַט די לאַנגע, הויכע טענער, וואָס האָבן זיך מיט אַ הייליקן כוח געריסן אַרויף צו די הימלען. דאָס ייִנגל האָט בפירוש געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי די הימלען האָבן זיך געשפּאָלטן. די קולות פון שופר, באַגלייט מיט דעם הייסן געמורמל פון דעם גרויסן עולם דאַווענער, איז גלייך אַרויף פאַר דעם כסא־הכבוד, צום רבונו של עולם. דאָס ייִנגל איז געווען טיף גערירט פון דעם אַלעמען, וואָס עס קומט פאָר אין שול. אַ פאַרחלומטער איז ער געשטאַנען, פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. מיט אַ הייליקן גלויבן האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם חזנס יעדע תנועה. יעדער קלאַנג פון זיין זינגען האָט זיך זיס און האַרציק צעגאָסן איבערן קליינעם ייִנגלשן וועזן.

דאָס שופר־בלאָזן האָט זיך געענדיקט. די מוטער האָט נחומקען אַ שטויס געטאָן, ווי פון שלאָף אים אויפגעוועקט. צוזאַמען מיט אַ גרויסן שטראָם קינדער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. קוים זיך פון שול אַרויסגעקוועטשט, האָט אים באַגעגנט אַ הויכע , הייסע זון. אירע שטראַלן האָבן זיך מילד צעשאָטן איבער דער סביבה.

דאָס ייִנגל האָט זיך אויפן שול הויף אַרומגעדרייט אָן חשק אַהיים צו גיין. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַנדערע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן שול־הויף. פּלוצלינג האָט עפּעס אַ בליאַסק געטאָן. פאַרן ייִנגלס אויגן האָט אַ גאָלד־שטיקל אַ שימער געטאָן. ער האָט זיך אַרונטערגעבויגן און דערזען אין זאַמד אַ נייעם, קופּערנעם גראָשן, וואָס איז זיך שטיל געלעגן און פונקט ווי אויף צו להכעיס היינט אין דעם הייליקן טאָג פון ראש־השנה. דער גראָשן האָט געווונקן, גע׳חנדלט זיך, זיך ממזריש געבעטן: — ,,אַנו, ייִנגעלע טייערער, הויב מיך אויף, נעם

מיך אין דיין וואַרעם הענטל און זע אַליין מיין שיינקייט און מיין גלאַנץ״. . .

נחום האָט אַ צאַפּל געטאָן. נישט אַנדערש נאָר דער יצר הרע אַליין האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אַזאַ מין חוצפּה פון אַ גראָשן — זיך אַוועקצולייגן אום ראש־השנה אויפן שול־הויף און רייצן דעם חשק פון אַן אָרעם יינגל. . . ס׳איז דאָך אָבער פּאָרט אַ גראָשן! אַן אמתער, לעבעדיקער גראָשן! און וואָס מען קען אין שטעטל איינקויפן פאַר אַ גראָשן, ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי אונדזער בחור?. . . מען דאַרף פּשוט זיין אַ גזלן, אַ רוצח, צו זיין גלייכגילטיק און אים נישט אויפהייבן. נחומקע וועט זיכער קיין געלט אום ראש־השנה נישט נעמען. זיינע קינדערישע פינגער וועלן זיך צו קיין מטבע נישט צורירן. ניין, דאָס זיכער נישט!. . . איבערלאָזן דעם גראָשן קען ער אויך ביי זיך נישט פּועלן. זיין קעפּל האָט שנעל און פלייסיק געאַרבעט. ער האָט געפונען אַן עצה, ווי אַזוי דעם גראָשן צו קריגן, נישט אָנרירנדיק אים. ער האָט באַשלאָסן אים צו שאַרן אַהיים מיטן פוס. ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: ,,דער וואָלף וועט זיין זאַט און דאָס שעפּסעלע וועט בלייבן גאַנץ״. נחומקע וועט קיין עבירה נישט באַגיין און דער גראָשן וועט זיין זיינער.

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. געגאַנגען טריט נאָך טריט. מיטן שפּיץ פון זיין רעכטן שוך האָט ער דעם גראָשן אַוועקגעשאַרט אַלץ ווייטער און ווייטער. די וועגן אין שטעטל זיינען נישט געווען געפּלאַסטערט. דאָ זאַמד, דאָרט אַ שטיין און ס׳איז אים אָנגעקומען שווערלעך דאָס שטיקל אַרבעט. דאָך האָט נישט לאַנג גענומען. מיטן גראָשן אונטערן שוך, האָט ער זיך שוין געפונען נעבן זייער שכן, דעם שענקאַר. ער האָט געהאַט באַשלאָסן צו שאַרן דעם גראָשן ביז צו זייער הויף, דאָרט אים פאַרשאַרן אין אַ ווינקל אינעם זאַמד. מוצאי יום־טוב האָט ער אים געזאָלט אַרויסנעמען און זיך עפּעס קויפן.

האָט זיך דער טייוול אַריינגעמישט און אים אָנגעטאָן אַ מיאוסן שפּיצל. אַזוי ווי נחומקע האָט זיך לאַנגזאַם אונטערגערוקט מיט זיין מציאה, האָט זיך די טיר פון שענק געעפנט. דעם שענקאַרס הויכע, דאַרע טאָכטער, מיט אַ פּאָר בייזע אויגן, האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ מכשפה, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גראָשן און איז בליץ שנעל צוריק אַריין אין שענק, צוקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר.

אַזוי ווי מען וואָלט דאָס יינגל אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. אַ פאַרגליווערטער איז ער געבליבן שטיין, מיט אַן אָפן מויל

געקוקט צו זיינע שיך, צו דער שענק און צום הימל, ווי זוכנדיק יושר. ער האָט נישט געקענט באַנעמען, וואָס עס איז פּאָרגעקומען. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. ער האָט בפירוש געלערנט ביים מלמד, אַז די דערוואַקסענע זיינען מחויב שטרענגער אָפּצוהיטן די מצוות, ווי די קינדער. הייַנט, ווי קומט עס? די גרויסע מויד האָט מיט אירע הענט גענומען די מטבע, בשעת ער האָט זיך אַזוי געמאַטערט, געשאַרט מיטן שוך, נישט געוואָלט זינדיקן. קיינער האָט זיין פראַגע נישט פאַרענטפערט. ער איז געווען שרעקלעך אַנטוישט און זיכער, אַז אַ גרויסע עוולה איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן.

נחומקע האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז דאָס מיידל איז אַ חצופה. ער האָט צו איר דערפילט אַ טיפע שנאה, ווי צו איינער, וואָס האָט אים באַרויבט פון עפּעס זייער טייערס און ווערטפולעס.

דער גאַנצער עפּיזאָד האָט זיך פאַרקריצט אין זיין זכרון אויף אייביק. דאָס מיידל, וואָס איז קורץ נאָך דעם אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין אַ בייזן גייסט, וואָס האָט צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו אַלע זיינע דורכפאַלן. . .

נחום איז געוואַקסן, געלערנט, אַוועק קיין אַמעריקע, געפירט געשעפטן, געוואַנדערט דורך שטעט און לענדער. ער האָט דורכגעלעבט מלחמות, פּאָגראָמען, רעוואָלוציעס. ער איז שוין אַן אַלטער זיידע. נישט איינמאָל, שפּאַצירנדיק איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, קוקט ער נייגעריק נאָך די הויכע, דאַרע פרויען. אפשר וועט ער דאָך דערזען דעם שענקאַרס טאָכטער. יעדן ראש־השנה, ווען ער גייט אַרויס פון דאַווענען אין שול, ציען זיך זיינע אויגן מאַגנעטיש צו דער ערד. ער זוכט נאָך אַלץ יענעם גראָשן — די סיבה פון זיין ערשטער אַנטוישונג.

דער הייליקער יום כּפּור

ס׳איז נאָך גרויסער טאָג געווען, ווען ביילקעס עלטערן האָבן פאַרשלאָסן זייער קראָם. דער טאַטע איז אַוועק אין מקווה. די מאַמע האָט איילנדיק צוגעגרייט דעם גרויסן מאָלצייט צום פאַרפאַסטן. ווען דער פאָטער, אַן אויסגעפוצטער אין יום־טובדיקע מלבושים, איז צוריק געקומען, איז שוין דער טיש געווען באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. די זילבערנע לייכטער האָבן שימערנדיק געגלאַנצט, קאָנקורירט מיטן פייער פון די ליכט.

מען האָט אויף דער שנעל אָפּגעגעסן. נאָכן עסן האָט זיך די קליינע משפּחה, איינער דעם אַנדערן, ווײנענדיק געווונטשן אַ גוט יאָר. דאַן, מיט די טליתים און מחזורים אונטערן אָרעם, זיך געלאָזן גיין צו די עלטער באָבע־זיידע. די מוטער און ביילקע זיינען אויסגעפּוצט געווען אין העלע, נייע קליידער. אַזוי אויך אַלע באַקאַנטע, וועלכע מען האָט אויפן וועג באַגעגנט און זיך מיט זיי געווונטשן. אַלע פרויען זיינען אין ליכטיקע קליידער געווען אָנגעטאָן.

ביי באָבע־זיידע אין לאַנגן, ברייטן עס־צימער איז שוין די גאַנצע משפּחה געווען פאַרזאַמלט. געווען קיין עין הרע אַ גרויסע משפּחה. דער זיידע, אַ נידעריק, ברייטביי‌ניק יידל פון אַ יאָר ניינציק, מיט אַ לאַנגער, ברייטער, גרויער באָרד, אַ הויכן רבנישן שטערן און אָדלער־נאָז, איז געזעסן ביי זיך אין צימער. קיין טירן האָט דאָס צימער נישט געהאַט, בלויז אַן אַריינגאַנג, וואָס איז קינסטלעריש אויסגעהאַקט געוואָרן, ווי אין אַן אוהל. די פיר ווענט פון צימער זיינען פון סופיט ביז צו דער פּאָדלאָגע געווען פאַרנומען מיט פּאָליצעס, וועלכע זיינען געווען

פאַרפולט מיט די טייערסטע ספרים, פון וועלכע דער זיידע האָט יום ולילה געלערנט.

יעדער איינער פון די זין, טעכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, איז צום ערשטן אַריין צום זיידן. אויסהערנדיק די ווונטשן און געבעטן, האָט ער זיין טרייסלענדיקע האַנט אַוועקגעלייגט אויפן קינדס קאָפּ, מיט אַ ציטערנדיקער, ברעכנדיקער שטימע, די אויגן געווענדט צום הימל, האָט ער געגעבן זיינע ברכות, דערביי בעטנדיק ביי גאָט מיט אַ וויינענדיק קול פאַר זיין בלוט און פלייש.

פון אים איז יעדער איינער, כליפּנדיק און וויינענדיק אַריין אין גרויסן עס־צימער צו דער באָבען. די באָבע, אַן איינגעשרומפּענע, אַ קליינינקע, ווייס ווי דאָס מעל, וואָס זי האָט אַ גאַנץ יאָר פאַרקויפט, איז געזעסן ביים טיש, ווו זיבן ליכט האָבן געברענט. אַרומגערינגלט פון איר גאַנצער משפּחה, האָט זי פאַר יעדן איינעם געבעטן און געווונטשן, פאַרגיסנדיק בעכער פּערלדיקע טרערן פון אירע קאָלירלאָזע אויגן. דער סאַמעטענער טשיפּיק, וואָס איז מייסטערהאַפט מיט געהאָפטענע לאָנגעטן דורכגעשטיקט געווען, האָט פון איר קאָפּ אַראָפּגעשיינט, צוגעבנדיק איר טויזנטער חנען.

דאָס צימער איז געווען איבערפולט מיט האַרץ־רייסנדיקע געשרייען, הויכע יללות און הייסע טרערן. יעדער איינער האָט הויך אַרויסגערעדט זיינע עגמת־נפשן פאַר גאָט און מיט געוואַלדן געבעטן פאַרן נייעם יאָר, פאַר לעבן, געזונט, פּרנסה א.אַ.וו. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעשריגן.

ביילקע, אַ מיידעלע פון ניין יאָר, איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל פונעם צימער און האָט געגנוי אָבסערווירט יעדן באַזונדער. אגב, איז נישט אַלץ געווען קלאָר פאַר איר. זי האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דאָס וויינען פון דער עלטער־באָבען, באָבען, מאַמען און מומעס. זי האָט געוווסט, אַז מאַמעס און באָבעס דאַרפן וויינען, און דווקא פיל וויינען... אָבער קינדער זאָלן וויינען, דאָס האָט זיך ביי איר אויפן שכל נישט געלייגט. אָט, למשל, זעט זי בערל און גדליהו, אירע צוויי קוזינען, שטייען און פאַרגיסן פולע בעכערס מיט טרערן. ביי זיך אין געדאַנק רופט זי זיי אָן שלימזלען, „באַבעס״ און נאָך אַזעלכע נעמען. איר, ביילקען, ווילט זיך גאָרנישט וויינען! אַזוי פריילעך איז דאָס שטעטל! אַזוי פיל ליכט און זון; אַזוי פיל בוימער, גראָזן, בלומען, בערגער, טאָלן, וואַסער און וואָס נישט?

ביילקע איז געווען אַ רויט־האָריק מיידל מיט אויגן, וואָס קיינער האָט קיינמאָל נישט געקענט באַשטימען זייער קאָליר. די חברטעס אין שולע האָבן זי גערופן „כאַמעלעאָן", דאָס איז אַזאַ מין באַשעפעניש, וואָס בייט זייער אָפּט די פאַרב. אויך ביילקעס אויגן האָבן זיך אַלעמאָל געטוישט פון גרין אויף גרוי, און פון גרוי אויף בלוי... אויך האָט מען זי גערופן „וועווערקע". אַזאַ באַוועגלעכע איז זי געווען מיט איר טאַנצן, זינגען און שפּרינגען. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי איז אין מיטן פון אָט־דעם טרויעריקן געטומל געזעסן אַן אָנגעשטרענגטע, אַז ס'זאָל, חלילה, פון אַ ווינקל פון איר מויל נישט אַרויס'גנבענען זיך אַ שטיפערישער שמייכל.

פלוצלינג האָט זי עפּעס באַמערקט, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. דבורה, איר קוזינע, אַ לערערין אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, איז געשטאַנען אַן איינגעקורטשעטע ביי דער קאָמאָדע און האָט היסטעריש געוויינט. דורך ביילקעס מוח איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: — „אויב דבורה, אַזאַ וווּיל־געלערנטע און קלוגע וויינט, איז אַ סימן, אַז מען דאַרף טאַקע וויינען". ביים לעפּעלע אונטערן האַרצן האָט ביי ביילקען עפּעס אַ קיצל געטאָן. דאָס מיידל האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ הייסן געוויין. ווי ערנסט דער מאָמענט איז געווען, האָבן זיך דאָך אַלע פאַרווּנדערט אומגעקוקט צו דער שטיפערקע.

:: :: ::

ס'איז געוואָרן שפּעט. אַלע זיינען אַוועק אין שול. די מאַמע האָט ביילקען אַהיים געשיקט, איר שטרענג אָנגעזאָגט, זי זאָל היטן די ליכט עס זאָל נישט ווערן קיין שריפה; היטן דאָס הויז, אַז אַ גנב זאָל נישט אַריין; היטן דאָס קינד און גיין צו קאַשיאַן אָנצוואַרעמען די גרייפּלעך פאַרן קינד.

קאַשיאַ איז געווען די שטאָט גויע. זי האָט אָפּגעהיטן די יידן פון זינדיקן; געווען די אויפזעערין איבער דער שטאָטישער באָד. זי האָט גע־וווינט אונטערן באָד, ווו זי האָט געהאַט אַ זייער גרויסן אויוון. דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט שבת גיין צו איר. זי פלעגט פאַר די קליינע יידישע קינדערלעך קאָכן גרייפּעלעך. אַנדערע האָבן צו איר געטראָגן די טעפּלעך עסן אָנצוואַרעמען. אויך פלעגט זי שבת גיין הייצן די אויוונס אין יידישע הייזער. קאַשיאַ איז געווען אַ גוטע, קיין געלט פלעגט זי נישט נעמען. יעדער איינער, וואָס איז צו איר געקומען, פלעגט איר

באַלוינען מיט אַ שטיקל חלה, אַ פּאָר שטיקלעך צוקער, אָדער מיט אַ פּאָר שטיקלעך האַלץ. זי האָט זיך נישט געדינגען.

ביילקע איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און נאָכגעזאָגט אויפן קול דער מאַמעס אָנזאָג: — „היטן די ליכט, היטן דאָס הויז, היטן דאָס קינד און גיין צו קאַשיאַן".

צומאָרגנס, יום כּפּור, האָט זיך איבער'געחזרט דער מאַמע'ס זעלבער אָנזאָג: גיב אַכטונג אויף די ליכט; היט דאָס הויז קעגן גנבים; היט דאָס קינד און גיי צו קאַשיאַן אָנצוװאַרעמען דאָס עסן. אין מיטן פרימאָרגן, ווען די דערוואַקסענע זיינען שוין געווען אין שול, האָט איר ברודערל אָנגעהויבן וויינען. ער איז געוואָרן הונגעריק. ביילקע האָט געוווּסט, אַז ביי קאַשיאַן איז דער אויוון פול מיט די שטעטלדיקע טעפּלעך. זי וועט זיכער פּאַר איר, ביילקע, קיין צייט נישט האָבן. האָט זי געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי קאַשיאַ זאָל איר ברודערלס עסן אָפּקאָכן פריער פון אַלעמענס.

ביילקע האָט אַזאַ עצה געפונען. זי האָט געוואָלט פאַסטן. דער טאַטע האָט נישט דערלויבט, ווייל זי איז נאָך געווען צו יונג. די מאַמע האָט אָנגעגרייט פאַר ביילקען צוויי מאָלצייטן פאַרן יום־כּפּורדיקן טאָג — פאַר פרישטיק: אַ ביסעלע ווין, אַ גלאָז מילך מיט אַ קיכל; פאַר מיטאָג: אַ שטיקל פיש, אַ הונערשע פולקע, חלה און פרוכט. ביילקע האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען, אַוועקגעלאָפן צו דער גויע, זי אַוועקגערופן אין אַ ווינקל, איר דאָס אַלץ געגעבן און זיך געבעטן: „קאַשיאַ, גאָלדענע, זיי אַ גוטינקע, קאָך שנעל אָן מיין ברודערלס עסן, ער איז הונגעריק, ער וויינט".

דערזעענדיק די גוטע מאכלים האָט זיך די גויע אַזש מיט דער צונג באַלעקט. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ביילקע געלאָפן מיטן טעפּעלע עסן דורך די ליידיקע, פאַרכמאַרעטע גאַסן, אַ טאַנצנדיקע, אַ שפּרינגנדיקע, ביז זי איז אַריין אין הויז. זי איז געווען שטאַרק צופרידן. איר ברודערל וועט באַלד האָבן דאָס עסן, זי וועט קענען פאַסטן און קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

לאהלע די פריילעכע

לאהלע איז אַ מיידעלע פון 7 יאָר. זי קוקט מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן, ווייסע רונדיקע בעקלעך, קורץ פאַריסן נעזל און לאַכט. זי לאַכט ביים עסן, זי לאַכט ביים לערנען; אינדערפרי אין בעט שרייט זי מיט אַ הויך קלינגנדיק געלעכטער: גוט מאָרגן, מאַמאַ, גוט מאָרגן, פאַפאַ, און דערביי שטראַמט אַ ליכטיקע פריילעכקייט פון אירע אויגן, פון איר מויל און פון אירע בלאָנדע, לאַנגע לאָקן, וועלכע וואַרפן זיך ווי לעבעדיקע גלעקעלעך אַרום איר קיילעכדיקן, שיינעם קאָפּ. רופט מען זי, דעריבער, לאהלע די פריילעכע. זיינען אַלע באַקאַנטע מקנא אירע עלטערן, וואָס זיי פאַרמאָגן אַזאַ ליכטיק, האַרציק מיידעלע. ווילן זי אַלע אַלעמאָל זען. פרייט זיך די לערערין, ווען לאהלע קומט אין שולע; פרייט זיך די מוטער, ווען לאהלע קומט אַהיים.

איינמאָל אין אַ האַרבסטיקן טאָג, ווען אין דרויסן האָט גערעגנט, איז לאהלע, ווי איר שטייגער, אַרויס אַ זינגענדיקע פון שולע. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט, די לופט קאַלט און דער רעגן האָט געגאָסן וואָס אַמאָל שטאַרקער. אונדזער העלדין האָט זיך געלאָזט אַהיים מיטן געוויינלעכן וועג. זי האָט געטראָגן אַ גוטן, וואַרעמען מאַנטל, אַ הוט און קאַלאָשן. דאָס שלעכטע וועטער האָט איר ווייניק געקימערט.

פלוצלינג האָט זי דערזען אין אַ זייטיק געסל, נישט ווייט פון דער שולע, אַ מיידעלע, אַ שולע־חברטע, וועלכע איז געשטאַנען אַן איינגעקורטשעטע אין אַן אַלט צעריסן מאַנטעלע און האָט שטיל געוויינט. לאהלע איז צו איר צוגעגאַנגען. איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן

מיט אַן ערנסטקייט און זי האָט געפרעגט: — ,,וואָס ווייִנסטו?״. דאָס מיידעלע האָט נישט געענטפערט און זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. לאהלע איז צו נעענטער, זי אַרומגענומען און אַזוי ליבלעך זי געבעטן: — ,,נו, זאָג מיידעלע, פאַרוואָס וויינסטו? אפשר קען איך דיר העלפן?״. . . דאָס מיידעלע האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר ברוינע אייגעלעך, אָנגעפילטע מיט גרויסע טרערן און געזאָגט: — ,,ווי קענסטו מיר העלפן, דו ביסט דאָך אַזאַ קליינע און איך ווייִן, ווייל מיינע שיך זיינען צעריסן, די זאָקן האָבן לעכער, די גאַסן זיינען פול מיט וואַסער, און ס׳איז מיר קאַלט״. איז לאהלע געוואָרן אַזוי אומעטיק און אירע אויגן זיינען נאַס געוואָרן פון טרערן. זי האָט אַ פאַר׳חידושטע געפרעגט: — ,,האָסטו נישט אַ מאַמען און אַ טאַטן, זיי זאָלן דיר קויפן אַלע נויטיקע זאַכן?״.

דאָס מיידעלע האָט אויפגעהויבן איר קעפּעלע. זי איז מיט אַמאָל געוואָרן ציניש און פול מיט ביטערקייט און, אַזוי ווי האָבנדיק צו עמעצן אַ טענה, האָט זי שנעל און אָפּגעריסן געוואָרפן די ווערטער: — ,,יאָ, איך האָב אַ מאַמע, אָבער אַ קראַנקע, און אַ טאַטן אויך, וועלכער זיצט אַ גאַנצן טאָג אין הויז, ווייל ער האָט נישט קיין אַרבעט. דו ביסט אַזאַ גליקלעכע, האָסט אַזעלכע גוטע קאַלאָשן״, און זי האָט אומעטיק אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן צו דער ערד.

ביידע קינדער זיינען געוואָרן שטיל. אויף אַ מינוט איז לאהלע געוואָרן ווי פאַרשטיינערט. דאַן האָבן אירע בלויע אויגן אָנגעהויבן צעטומלטע וואַנדערן דאָ אויפן מיידעלע, דאָ אויף זיך אַליין. צום סוף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מיידעלעס צעריסענע שיך און אירע בליקן זיינען אַריבער אויף אירע אייגענע קאַלאָשן. זי האָט אַ טרויעריקע אַרויסגעשטאַמלט: — ,,כ׳פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זאָלסטו אויך נישט האָבן אַזעלכע וואַרעמע, גוטע קאַלאָשן ווי איך?״. און דאַן איז איר גאַנץ פּנים צוריק געוואָרן העל און פריילעך. זי האָט זיך הויך צעלאַכט, און שנעל אָנגעהויבן אַראָפּציען די קאַלאָשעס פון אירע פיס. נישט זאָגנדיק גאָרנישט, האָט זי זיי אָנגעטאָן אויפן מיידעלעס פיסלעך. דאַן האָט זי איר אַרומגענומען, געגעבן אַ קוש, און איז שנעל אַוועק אַהיים.

ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר פון זייער וווינונג איז זי געבליבן שטיין אַ טרויעריקע. דאָס קליינע הערצעלע האָט אָנגעהויבן

שטאַרקער צו קלאַפּן. — וואָס וועט די מאַמע זאָגן, ווען זי וועט זיך דאָס דערוויסן? — האָט זי געטראַכט, נישט וואַגנדיק אָנצוקלאַפּן אין טיר. זי האָט דאָך אָנגעקלאַפּט, שטיל, נישט דרייסט. די טיר האָט זיך געעפנט. ווי אַלעמאָל האָט די מוטער געעפנט, גרייט מיט איר געוויינלעכן שמייכל איינצושליסן לאהלען אין אירע אָרעמס. ווי דערשטוינט איז זי אָבער געוואָרן, ווען זי האָט דערזען איר קינדס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — „וואָס איז געשען?", האָט זי אויסגעשריגן, פול מיט זאָרג. לאהלע איז געשטאַנען אַ פאַרשולדיקטע, נישט געוואַגט צו קוקן דער מוטער אין די אויגן.

ענדלעך האָט לאהלע זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען און פאַרוואָרפן אירע הענטלעך אַרום דער מוטערס האַלדז און פול מיט געבעט געפרעגט: „זאָג, מאַמע, וועסטו זיך נישט בייזערן, וועסט נישט שרייען, וועסט מיך נישט שלאָגן?". די מוטער איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן פון אַזעלכע רייד און זייענדיק זיכער, אַז איר קינד רעדט פון היץ, האָט זי געזאָגט, גלעטנדיק דעם קינדס קעפּל: „וואָס פאַלט דיר איין, מיין קינד? דערצייל, זאָג, ביסטו אפשר קראַנק, אָדער האָט דיך ווער באַליידיקט?". דאַן האָט לאהלע לאַנגזאַם דערציילט אַלץ, וואָס עס איז געשען: ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס אָרעמע מיידעלע האָט געוויינט און ווי זי, לאהלע, האָט איר אַוועקגעגעבן אירע קאַלאָשן. דערביי איז זי געווען אַזוי ערנסט און אַזוי טרויעריק, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס גאַנצע הויז וויינט מיט מיט איר. זייער רירנד איז געווען איר דערציילונג.

די מוטער האָט זי אַרומגעכאַפּט, זי אָנגעהויבן קושן און איר געזאָגט: „דו האָסט זייער גוט געטאָן, מיין קינד. בלויז איין זאַך איז נישט גוט — דאָס וואָס דו האָסט דער מאַמען גאָרנישט געפרעגט. ווען אַ מיידעלע וויל עפּעס טאָן דאַרף זי פריער פרעגן דער מאַמען. אָבער אַ גוטינקע זאָלסטו אַלעמאָל זיין, מיין קינד!".

„ביסטו גאָרנישט בייז, מאַ?", האָט לאהלע טיף אָפּגעאָטעמט און מיט אַמאָל צוריק געוואָרן פריילעך. זי האָט אַ גליקלעכע אַרומגעכאַפּט איר מוטער און איר אָנגעהויבן קושן אָן אַ שיעור, אָנפילנדיק דאָס הויז מיט פריילעכקייט און געלעכטער, אַזוי ווי נאָר לאהלע די פריילעכע קען.

משהלע דער שטיפער

אַלע ווייסן, אַז דער קליינער משהלע איז אַ גרויסער שטיפער, און נישט קיין ווונדער. ווער עס קוקט אַריין אין זיינע גרויסע, שוואַרצע, ציגיינערישע אויגן, דערזעט גלייך דאָס קונדאַסישע פייערל אין זיי. ווער עס באַמערקט זיינע געדיכטע, שוואַרצע לאָקן, וואָס באַשיינען זיין שפּיציקן קאָפּ ווי ·אַ קרוין, פאַרשטייט, אַז משהלע איז נישט געבוירן געוואָרן צו רוען. און. . . ער רוט טאַקע נישט. ווו עס געפינט זיך אַ פּלויט, אַ בוים, אַ דאַך, קען מען דאָרט געפינען שטיקלעך פון משהלעס אָפּגעריסענע הייזלעך. ווו נאָר אַ ליידיקער פּלאַץ, קען מען אים זען מאַרשירן מיט גאַנצע ראָטעס קליינע יאַטן פון זיינע יאָרן. זיי טראָגן לאַנגע שטעקנס אויף די אַקסלען, כמו ביקסן, און פירן דורך די גרעסטע „מלחמות״. שטענדיק איז משהלע דער ערשטער — צום שלאָגן זיך, צו קלעטערן, ווען מען דאַרף, אָדער אַריבערשפּרינגען דאָס וואַסער, כדי צו אַנטלויפן פונעם „שונא״. עס העלפט נישט דער מוטערס בייזערן זיך, דעם פאָטערס שטראָפן, ביז מען נעמט אים אַריין מיט געוואַלד אין הויז און מען דערקלערט אים, אַז פאַר אַ חודש צייט וועט ער נישט קריגן קיין איין גראָשן, נישט קיין צוקערלעך און נישט קיין שאָקאָלאַד.

דאַן ווערט משהלען אומעטיק אויפן האַרצן. ער פאַרטראַכט זיך. עפּעס ווערט אים באַנג און ער באַשליסט צו ווערן בעסער. ווען ער ווערט בעסער גייט ער שטילערהייט אַרום אין הויז, נעמט צונויף אַלע שטיקלעך ברויט, טראָגט זיי אַרויס אויפן באַלקאָן, צעברעקלט זיי און וואַרט ביז די פייגעלעך פליען זיך צונויף עסן. ווען עס גייען אַדורך אַ פּאָר טעג און די פייגעלעך זיינען שוין צוגעוווינט צו זיינע מאָלצייטן,

דאַן מאַכט ער אַזאַ מין קליינטשיק שטיבעלע פון ברעטלעך און ציגל, און. . . ווערט אַ פייגעלע־כאַפּער. קיין סך פייגל כאַפּט ער נישט, בלויז איינס, כדי צו ווייזן זיינע חברים, וואָס ער קען. אויך דעם איינעם פייגעלע טוט ער נישט קיין שלעכטס. ער האַלט עס, ווייזט עס יעדן איינעם, גיט עס צו טרינקען, צו עסן, און הייסט עס זינגען. ווען ער זעט, אַז דאָס פייגעלע איז אומעטיק, קריגט ער אויף דעם רחמנות. ער נעמט עס אָן ביים ווייִדעלע, לאָזט עס אָפּ הויך אין דער לופט און זאָגט: ,,גיי, ליב פייגעלע, פלי אין דער גרויסער, פרייער וועלט און זינג פריילעכע לידער פאַר די אומעטיקע מענטשן״. פליט דאָס פייגעלע אַוועק, בלייבט משהלע אַליין און ער טראַכט: ,,וואָס טוט מען ווייטער?״. האָט ער אַ גוטן קאָפּ און דערטראַכט זיך באַלד. ער זוכט אויס אין הויז שטיקלעך פלייש אָדער וווּרשט און גייט זיך באַפריינדן מיט די גאַסן־הינט. יענע דערשמעקן גלייך אונדזער חברהמאַן און עס נעמט נישט לאַנג און משהלע יאָגט זיך מיט אַ גאַנצער סטאַדע הינט.

איינמאָל האָט אים די מוטער געגעבן אַ בייגל מיט פּוטער און ער איז אַרויס אין גאַס. פּלוצלינג האָט ער דערזען אַ גרויסן, זייער גרויסן הונט. ער האָט געטאָן אַ פייף מיטן מויל, דער הונט איז גלייך צוגעקומען. משהלע האָט אים געגעבן אַ שטיקל בייגל מיט פּוטער און ער האָט אָנגעהויבן גלעטן דעם הונטס קאָפּ. די מוטער האָט דערזען, ווי איר קליינער זון שפּילט זיך מיט אַזאַ גרויסן הונט, איז איר שיעור נישט גוט געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן שרייען דורכן פענצטער: ,,משהלע, משהלע, קום אַריין אין הויז! קום שוין אַריין די מינוט! דער הונט וועט דיך צעבייסן אויף שטיקלעך!״. דאָ האָט זיך משהלע שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט: ,,אַנוּ, מאַמע, וואַרט צו אַ ביסעלע, וועסטו זען, ווי דער הונט וועט זיין מיין פערד און איך וועל אויף אים רייטן״. ער האָט גענומען די גאַנצע בייגל מיט פּוטער, אַריינגעשטופּט דאָס דעם הונט אין מויל אַריין און אַליין האָט ער זיך באַקוועם באַזעצט אויפן רוקן פונעם הונט. ער האָט אים אָנגענומען ביי די אויערן און פריילעך אויסגעשריגן: ,,אַנוּ, מיין טייערער, גיב נאָר אַ פאָר מיט מיר אויפן ברייטן, לאַנגן וועג״. דער הונט, אַ צופרידענער פונעם מאָלצייט און פון משהלעס באַגייסטערונג, האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין משא, פונקט ווי אַ פערד מיט זיין רייטער. אַזוי איז משהלע דער שטיפער געריטן אויפן גרויסן הונט, באַגלייט פון אַלע שכנישע יינגלעך.

טסעלמאַ

זאָג איך „טעלמאַ", זאָגט זי: — „ס׳איז נישט ריכטיק". רוף איך זי „סעלמאַ", זאָגט זי: — „נישט אַזוי". מײַן יידישע צונג קען זיך, בשום אופן, נישט פאַרדרייען מיט דער ענגלישער אַרויסשפּראַך, און ווי שטאַרק איך זאָל זיך נישט באַמיען, קומט דאָך דער נאָמען פון מײַן ענגלישער שכנטע — „טסעלמאַ" — נישט אַרויס ריכטיק.

מיר זיינען ביידע געלעגן אין אַ שפּיטאָל־צימער, איין בעט נעבן צווייטן. במשך פון אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך צערעדט און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זי צו אָבסערווירן און נענטער באַקענען.

טסעלמאַ איז אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן. זי איז מיטל־וווקסיק, אַ קליין ביסל פעטלעך. איר געזיכט איז ווייס, פול מיט געלע שפּרענקלעך און קיילעכדיק. אירע אויגן זיינען בלויע, די האָר גלייכע, שוואַרצע און די נאָז אַ ביסל צו פליישיק.

טסעלמאַ קומט נענטער צו מײַן בעטל, זעצט זיך לאַנגזאַם אַוועק, לאָזט טרויעריק אַראָפּ דעם קאָפּ. — „וואָס איז, וואָס ביסטו אַזוי פאַרצווייפלט?" — פרעג איך זי מיט אויפריכטיקן אינטערעס.

זי הויבט אויף דעם קאָפּ, אירע אויגן ווערן לעבעדיק, אַ צופרידענע מיט דער געלעגנהייט צו קענען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. — „איך, איך בין מיד, שטאַרק מיד, קראַנק און פיל זיך זייער, זייער אַלט. עס ווילט זיך מיר שטאַרבן. מאָרגן גיי איך אויף אַן אָפּעראַציע, אָבער איך ווייס, אַז כ׳וועל בלייבן לעבן. איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען כ׳וועל פולקאָם געזונט ווערן און אַרויסקומען פון שפּיטאָל, וועל איך

אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר און ווערן אַ נאָנע, אַ מאָנאַשקע״. זי רעדט נאָך אַ סך, שנעל און לייכט, אַליין נישט איינזעענדיק, אַז אַלע אירע רייד צילן צו דעם, אַז דאָס לעבן איז איר נימאס און אַז זי מיינט זי וועט קענען זיך הייליקן מיט אַוועקגיין אויף אייביק אין אַ מאָנאַסטיר.

טסעלמאַ איז צוריק אַוועק צו איר בעטל. עס איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, נאָך דעם ווי זי איז געקומען צו דעם באַשלוס און געקענט זיך טיילן מיט עמעצן וועגן איר צוקונפט. איך, פון מיין זייט, האָב שטאַרק באַדויערט, וואָס אַזאַ יונג מיידל, וואָס האָט נאָך איר גאַנץ לעבן פאַר זיך, זאָל דאָס אַלץ אַוועקגעבן און זיך פאַרשליסן אין אַ מאָנאַסטיר ביזן סוף פון אירע יאָרן.

עטלעכע טעג נאָך איר אָפּעראַציע בין איך געגאַנגען איר באַזוכן אין דעם אַנדערן צימער, ווו מען האָט זי געהאַלטן ביז זי וועט צו זיך קומען. אין פאַרלויף פון אונדזער געשפּרעך האָב איך פּרובירט איר אויפצווייזן, אַז איר באַשלוס איז נישט קיין ריכטיקער; אַז זי האָט נאָך פיל יאָרן צו קענען בויען אַ דערפאָלגרייך לעבן. אָבער איר עקשנות אין דעם הינזיכט איז געווען זייער שטאַרק. זי האָט אַפילו מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז פאַר דעם צוועק האָט יעזוס זי געלאָזט לעבן. איך האָב ענדלעך איינגעזען, אַז אַלע מיינע רייד וועלן דאָ נישט העלפן. און אפשר איז זי גערעכט. . . איך האָב זיך מיט איר געזעגנט און איר געווונטשן הצלחה אין איר אויסגעקליבענעם לעבנס־ציל.

אַ קאָמוניסט שטיצט מיסיאָנערן

דאָס וועטער איז געווען, ווי מען זאָגט אויף אונדזער מאַמע־לשון, הינטיש. דער הימל איז געווען פאַרדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס. געדיכטע קנאָכעס שניי האָבן געיאָגט איינס דעם אַנדערן און נישט באַווייזנדיק אַפילו אָנצורירן די ערד, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין געדיכטע בלאָטעס. ביי די הערצבערגס אין הויז האָט זיך געפילט היימלעך און אָנגענעם. ס׳איז געווען אויפגערוימט, ליכטיק און וואַרעם אין אַלע צימערן. די עלטערע קינדער זיינען נאָך געווען אין דער שולע און די „בייבי״, דאָס יינגסטע קינד, איז געלעגן אין וויגעלע. פרוי הערצבערג איז געשטאַנען דערנעבן און איינגעוויגט דאָס קינד מיט אַן אַלט רוסיש וויג־ליד. נפתלי הערצבערג, אַ לערער אין אַ יידיש־קאָמוניסטישער שולע, איז געזעסן אין קיך און צוגעגרייט געוויסע שרייב־מאַטעריאַלן פאַר אַ צוקונפטיקער לעקציע.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר. פרוי הערצבערג איז אַרויס אין קאָרידאָר און האָט געעפנט די טיר. דאָרטן איז געשטאַנען אַ יונג, שיין, בלאָנד מיידל מיט אַן אָנגעפּאַקט רענצל אונטערן אָרעם. זי האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און זוכנדיק שוץ פון בייזן וועטער, האָט זי געבעטן דערלויבעניש אַריינצוקומען אין הויז. פרוי הערצבערג האָט ברייטער צעעפנט די טיר און דאָס מיידל איז אַריין אין קאָרידאָר. זי האָט אַראָפּ גענומען דאָס רענצל פון אונטערן אָרעם, אַרויסגענומען אַ בוך, און האַלטנדיק דעם בוך אין האַנט, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט אַ טיפן ענגליש, צושמייכלענדיק מיט אירע בלויע

אויגן. זי האָט גערעדט שנעל, געדיכט און איבערצייגנדיק.

פרוי הערצבערג איז געשטאַנען און געקוקט דעם מיידל גלייך אין פּנים אַריין. זי האָט זיך באַמיט צו כאַפּן פון דעם געשפּרעך דעם מיידלס פאַרלאַנג. איר אויער האָט אָבער קוים אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער, דורך וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל וויל געלט פאַר אַ געוויסן צוועק. נאָר וואָס און ווען האָט זי נישט געוווסט. דאָס קינד אין צווייטן צימער האָט זיך צעוויינט. פרוי הערצבערג האָט שנעל און אין אַ צעבראָכענעם ענגליש געגעבן צו פאַרשטיין דעם מיידל, אַז זי איז נישט לאַנג דאָ אין לאַנד און זי קען איר נישט אַזוי גוט פאַרשטיין. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַריינצוגיין צום וויינענדיקן קינד, ווי געבנדיק דעם מיידל צו פאַרשטיין, אַז זייער געשפּרעך איז געענדיקט. דאָס מיידל האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט געבעטן, אַז מרס. הערצבערג זאָל אַרויסרופן עמעצן, וואָס פאַרשטייט ענגליש. פרוי הערצבערג האָט אַ רוף געטאָן איר מאַן און אַליין איז זי שנעל אַריין צום קינד.

מר. הערצבערג איז געבליבן שטיין פאַר דער בלאָנדער שיקסע און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אירע רייד, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף אים אָן אויפהער, ווי אַ געדיכטער האָגל. ער האָט גלייך באַגריפן, אַז זי וויל, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר ער זאָל ביי איר נעמען אַ מיסיאָנעריש בוך און געבן איר אַ נדבה פון 25 סענט.

נפתלי הערצבערג איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. ווי קומט ער, אַ קאָמוניסט, צו שטיצן די מיסיאָנערן ?!. . . ווי אַזוי אָבער זאָגט מען איר אָפּ, אָט דער שיינער, בלאָנדער שיקסע, וועלכע רעדט אַזוי צוקער־זיס און. . . איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. קיין געלט האָט ער ביי זיך נישט געהאַט, אין שטוב אויך נישט, אָבער אַ ייד גיט זיך אַן עצה. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער האָט געהייסן דעם מיידל וואַרטן, איז אַריין צו זיין פרוי און איר געזאָגט: „איך וועל וויגן דאָס קינד און דו גיי אַריין צו אונדזער שכן, באָרג אַ „קוואָדער״ (25 סענט), גיב דאָס דעם מיידל און נעם פון איר אַ בוך״.

מרס. הערצבערג איז אַרויס פון הויז, אַרויף אויפן שכנס וועראַנדע. נעבן שוועל איז זי געבליבן שטיין און זיך שטאַרק פאַרטראַכט: אַז זי גייט דעם „קוואָדער״ באָרגן אַלס אַ נדבה פאַר אַ געוויסן צוועק, אין דעם איז זי זיכער; אַז דאָס איז נישט פאַר אַ יידישער זאַך, איז זי אויך זיכער; אַז אָט דאָס געלט קען איר נוצן פאַר הונדערטער

קלייניקײַטן, אין וועלכע אירע אייגענע קינדער נויטיקן זיך, ווער ווייסט דאָס נאָך אַזוי גוט ווי זי ?. . . טאָ צו וואָס זאָל זי גיין באָרגן געלט ? האָט אָבער איר מאַן, וועלכער איז גענוג קלוג און אינטעליגענט געפונען פאַר נויטיק יאָ אַוועקצושענקען דאָס געלט, איז זי איבערצייגט, אַז דאָס איז פאַר עפּעס אַ נאָבעלן מענטשלעכן צוועק. טאָ וואָס זשע איז דאָ צו טראַכטן ? און פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט אונטערשטיצן אונדזערע גויעשע שכנים, פון וועלכע מיר אַליין פאַרלאַנגען צייטנווייז הילף און אָנערקענונג.

איז פרוי הערצבערג אַריין צום שכן, אויסגעבאָרגט 25 סענט און איז צוריק אַריין צו זיך אין קאָרידאָר. זי האָט העפלעך גענומען פון דער קריסטין דאָס בוך און זי געפרעגט, וויפל זי דאַרף דערפאַר באַצאָלן. די בלאָנדע שיקסע האָט גוט באַמערקט די קאָמישע זייט פון דער גאַנצער געשיכטע. זי האָט קוים איינגעהאַלטן איר אָפּלאַכנדיקן שמייכל און צוקער־זיס האָט זי געענטפערט : ,,בלויז איין קוואָדער״. זי האָט באַקומען פון מרס. הערצבערג דאָס געלט, האָט איר שיין באַדאַנקט און איז אַוועק.

די פרוי איז אַריין מיטן בוך אין האַנט צו איר מאַן אין דער קיך און געפרעגט : ,,לאָמיר כאָטש וויסן, פאַר וועלכן גוטן צוועק איך בין געגאַנגען באָרגן געלט ?״. דער מאַן האָט זיך געוווּנדערט : ,,וואָס, דו ווייסט נישט ?. . . דאָס איז פאַר די מיסיאָנערן״. פרוי הערצבערג איז געבליבן שטיין, ווי עמעצער וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און שטאַמלענדיק פון איבעראַשונג האָט זי אויסגעשריגן : ,,דו, אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסט, אַ לערער אין אַ יידיש־קאָמוניסטישער שולע, דו האָסט מיך געשיקט באָרגן געלט צו שטיצן די מיסיאָנערן ? ס׳איז דאָך פּשוט נישט צום גלויבן, אַז דו וועסט טאָן אַזאַ זאַך״. . .

אָבער מר. הערצבערג האָט רויִק געענטפערט : ,,נאָך אַמאָל רוף מיך נישט ווען עמעצער קומט צו דער טיר״. . .

עס לוינט זיך צו לעבן

מאַרטינאַ, אַ פרוי פון אַ יאָר 35, איז געגאַנגען מיט מידע, לאַנגזאַמע טריט איבער די טאָראָנטער גאַסן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די זון האָט געשיינט. מענטשן זיינען געגאַנגען לעבעדיקע, מונטערע, עלעגאַנט געקליידעטע און, לויט ווי מאַרטינאַן האָט זיך אויסגעדאַכט, מיט צופרידנקייט און מיט אַן אינטערעס צום לעבן. די „סטריט־קאַרס" (טראַמווייען) און אויטאָס זיינען געלאָפן מיט אַ טייוולשער שנעלקייט.

מאַרטינאַ איז געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו איר קראַנק קינד אין שפּיטאָל. איר קאָפּ איז געווען פול מיט טרויעריקע געדאַנקען. באַקליידט אין אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם מאַנטל, מיט אַ צעקנייטשטן הוט און אַ פּאָר אויסגעדרייטע שיך, איז זי געגאַנגען און געטראַכט, אַז ס'וואָלט געווען אַמבעסטן פאַר איר אָט אַזוי זיך אַרונטערלייגן אונטער אַ לויפנדיקן אויטאָ, אָדער אונטער אַ „סטריט־קאַר", זיך לאָזן איבערפאָרן, אויסגיין, שטאַרבן, נישט זיין מער. צו וועלכן צוועק זאָל זי זיך מאַטערן אין אָרעמקייט מיט פיר קינדער. איר מאַן אַ קליינער פאַרדינער, אַ גרויסער „געמבלער" (אַזאַרט־שפּילער), נישט קיין געטרייער, אַ בייזער פאָטער. די קינדער אומצופרידענע, נישט דערעסענע, נישט באַקליידעטע ווי געהעריק. זיי וועלן אויפוואַקסן אומגליקלעכע, נישט־געזונטע און וועלן פאַרשעלטן טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיי אויף דער וועלט געבראַכט.

אָט אַזוי, באַווייענענדיק איר שיקזאַל, האָט זי דערזען, אַז זי געפינט זיך ביים גרויסן טויער פון „סיק טשילדרענס האָספּיטאַל" (דער

„שפּיטאָל פאַר קראַנקע קינדער״). אַ שטראָם פון מענטשן, מערסטנס פרויען האָבן זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צו די פאַרשיידענע טירן פון דער גרויסער געביידע. מאַרטינאַ איז אַרויף מיט די טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק, רעכטס, אין אַ צימער מיט צווי פענצטער. זעקס בעטלעך זיינען דאָרט געשטאַנען. אין יעדן בעטל איז געלעגן אַ קראַנק קינד. נעבן אייניקע בעטלעך זיינען געשטאַנען מוטערס, פאָטערס און אַנדערע קרובים. טייל קינדער האָבן זיך געפרייט מיט די שפּילצייגן, וואָס מען האָט זיי געבראַכט. אַנדערע האָבן געוויינט, זיך געבעטן אַהיים צו גיין.

מאַרטינאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. מיט די אויגן האָט זי אָפּגעזוכט איר קינד, ראָזי, אַ מיידעלע פון זיבן יאָר, מיט בלויע אויגן און בלאָנדע פלאַקסענע האָר — די שענסטע צווישן אַלע קינדער. איר פּנים איז געווען בלאַס און קרענקלעך. דערזעענדיק די מוטער, האָט דאָס קינד אויסגעצויגן צו איר די הענטלעך, איר פּנים האָט זיך פאַרקרומט אין אַ גרימאַסע, ווי צום וויינען. מאַרטינאַ איז צוגעגאַנגען און אָנגענומען דאָס קינד ביי די הענטלעך: „קינד מיינס, ראָזינקע, וואָס מאַכסטו?״. — „מאַמאַ! — האָט דאָס קינד געזאָגט — האָסטו מיר געבראַכט אַ „דאָל״ (ליאַלקע), אָט אַזאַ „דאָל״, ווי דאָס מיידעלע האָט״. זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ דערבייאיק בעטל. „קויף מיר אַזאַ „דאָל״, מאַמאַ!״, האָט דאָס קינד געבעטן מיט טרערן אין די אויגן. „יעס, טייערע! היינט האָב איך קיין געלט נישט. דעם קומענדיקן זונטיק וועל איך דיר קויפן אַ גרויסע, שיינע „דאָל״, מיט גרויסע בלויע אויגן, אָט אַזעלכע בלויע אויגן ווי דיינע, ראָזינקע!״, האָט די מוטער צוגעזאָגט. און כדי דעם קינד אָפּצוצאָלן דעם חוב, וואָס עס קומט איר, האָט מאַרטינאַ אָנגעהויבן דאָס קינד צו קושן מיט אַ באַזונדערן אויסערגעוויינלעכן געפיל. זי האָט גענומען איין הענטל און אויסגעקושט יעדן פינגער, דאַן די גאַנצע האַנט ביז צום אָרעם; דאַן דאָס צווייטע הענטל מיטן זעלבן סיסטעם. דאַן האָט זי מיט ביידע הענט אָנגענומען דעם קינדס פּנימל און אָנגעהויבן צו קישן די אויגן, די בעקעלעך, דאָס נעזעלע, דאָס מוילעכל און ווו נאָך זי האָט געקענט. נאָכהער האָט זי אָנגעהויבן גלעטן דעם קינדס קעפּעלע, געקושט די האָר, דעם שטערן, מיט אַזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט, וואָס איז געקומען פון איר האַרץ און נשמה. בלויז מאַרטינאַס אויגן האָבן אַרויסגעוויזן דעם ווייטיקדיקן טרויער, וואָס איז געווען ביי איר טיף באַהאַלטן. אַזוי רירנדיק און אויסערגעוויינלעך איז געווען די

דאָזיקע סצענע, אַז די אַנדערע באַזוכער אין צימער האָבן אָפּגעשטעלט זייערע אַקטיוויטעטן פֿאַרן מאָמענט און שמייכלענדיק געקוקט אויף דער מאַמען מיטן קינד.

ראָזי האָט דעמאָלט דערפֿילט דער מוטערס שטאַרקע ליבע. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפֿן קינדס קראַנקן פּנימל. זי האָט אָנגענומען דער מוטערס האַנט, אַ קיש געגעבן און געזאָגט: ,,מאַמאַ, גיי נישט אַוועק, זיי מיט מיר!‟ — ,,איך דאַרף דאָך גיין קויפֿן פֿאַר דיר אַ ליאַלקע‟, האָט מאַרטינאַ געענפֿערט. — ,,ניין, מאַמאַ, איך וויל נישט מער קיין ,,דאָל‟. דיך וויל איך, מאַמאַ‟, האָט דאָס קינד געענטפֿערט.

מאַרטינאַ האָט זיך געזעגנט מיטן קינד און האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פֿון שפּיטאָל. אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר גאַנצן קערפּער און צעגאַנגען איבער אַלע אירע גלידער. ווי ענטפֿערנדיק זיך אַליין אויף אירע פֿריערדיקע געדאַנקען, האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט: — ,,אָט צוליב וואָס עס לוינט זיך צו לעבן. אַפֿילו בלויז קומען אין אַ זונטיק און אַרויסברענגען אַ גליקלעכן שמייכל אויפֿן בלאַסן פּנים פֿון דעם קראַנקן קינד, איז ווערט צו מוטשען זיך אַ גאַנץ יאָר‟. אַן אויפֿגעמונטערטע און פֿריילעכע איז זי געגאַנגען אַהיים.

דער ערשטער סוד

בעלאַ איז שוין אַכט יאָר אַלט. זי איז הויך געוווקסיק, אירע אויגן און האָר זיינען ברוינע און שיינען מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ. איר פּנים איז פון דער קאָליר, וואָס עס האָבן בלויז קינדער געבוירענע ביי בלאָנדע מאַמעס און ברונעטע טאַטעס. בעלאַ איז די עלטסטע פון די דריי קינדער ביי אירע עלטערן. זי פילט זיך פיל מאָל ווי אַ גרויסע, דערוואַקסענע, און דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז אַזוי חנעוודיק און מיט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, אַז עס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע, וועלכע האָבן זי באַגעגנט.

איינמאָל, אין אַ געוויסן טאָג, איז בעלאַ געגאַנגען אַהיים פון דער שולע. אין מיטן וועג האָט זי פלוצלינג דערפילט אַ מענטשלעך באַדערפעניש. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, זוכנדיק אַ פּאַסיקן פּלאַץ ווו זיך צו קענען באַהאַלטן און אָפּטאָן די קליינע זאַך. . . אָבער די גאַס קוקט אויס פרעמד, די הייזער אומבאַקאַנט, די זון שיינט העל, מענטשן קומען און גייען, אַהין און אַהער. נישטאָ קיין איין קליין ווינקעלע, ווו זיך צו באַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן און אָפּטאָן די נויטווענדיקייט. . .

איז אונדזער קליינע העלדין בעלאַ געוואָרן פאַרצווייפלט. איינהאַלטנדיק זיך מיט אַלע כוחות, נישט צוצולאָזן צו אַ קאַטאַסטראָפע, האָט זי מיט אימפּעט אָנגעהויבן לויפן אַהיים. אָבער אָט אַזוי לויפנדיק האָט בעלאַ פאַרלוירן דעם קאָנטראָל. זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי ס׳איז געשען. זי האָט בלויז דערפילט, אַז איר

אונטערוועש נעצן זיך, ווערן נאַסער און נאַסער, און די נאַסקייט קריכט לאַנגזאַם איבער די פֿיס, איבער די זאָקן, דערקריכט אום׳ברחמנותדיק אַזש צו די שיך.

אַ פּאַרסאָפּעטע, פֿאַרשוויצטע, פֿאַרויטלט פֿון שנעלן לויפֿן און מיט האַרץ־קלאַפּעניש, איז די קליינע בעלאַ געבליבן שטיין פֿאַר דער טיר פֿון איר הויז. אין אירע אויגן האָבן זיך געפּערלט טרערן, וועלכע האָבן זיך לאַנגזאַם געקייקלט איבער אירע קינדערשע בעקלעך. ס׳זיינען געווען צווי הויפּט געפֿילן, וועלכע האָבן דאָס קינד געשטעלט אין אַ פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַרלעגנהייט: שרעק און שאַנדע. שרעק פֿאַר דער מוטער, פֿאַרן פֿאָטער. זיי וועלן זי זידלען, שלאָגן, באַשטראָפֿן און... דערציילן פֿאַר אַלע מענטשן, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס זי האָט געטאָן. און שאַנדע, וואָס מיט איר, בעלאַן, אַזאַ גרויסע, אַזאַ דערוואַקסענע, די עלטסטע טאָכטער, מיט איר זאָל געשען אַזאַ מין זאַך?...

אָבער ווו טוט מען זיך דאָך אַהין און וועמען פֿאַרטרויט מען דאָך דעם שרעקלעכן סוד?... דער ערשטער געדאַנק איז געפֿאַלן אויף דער מוטער. בעלאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. די מוטער האָט געעפֿנט די טיר. בעלאַ איז אַריין אין הויז אַ דערשלאָגענע. זי האָט פֿאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז יענע ווייס שוין אַלץ. די מוטער האָט באַלד דערקענט אין קינדס פּנים, אַז עפּעס איז געשען. — ,,וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן?״. — ,,מאַמע — האָט בעלאַ אַרויסגעשטאַמלט — קום, איך וויל דיר עפּעס דערציילן״. זי האָט אַריינגעשלעפּט די מוטער אין אַ זייטיקן צימער, פֿאַרמאַכט די טירן, כדי קיינער זאָל נישט קענען אַריינגיין, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט זי דערציילט דער מוטער, וואָס עס איז געשען. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי איר געבעטן זי זאָל קיינעם נישט דערציילן, זי זאָל איר געבן פֿרישע אונטערוועש און זאָקן איבערצוטאָן און, דער עיקר, קיינער זאָל נישט וויסן.

פֿון בעלאַס ווערטער און שרעק האָט די מוטער פֿאַרשטאַנען, אַז איר מאָגן איז קראַנק און אַז איר קינד האָט געהאַט דעם אמתן אומגליקספֿאַל. דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז ס׳איז געשען בלויז אַ קלענערע זאַך, האָט זי זיך הויך צעלאַכט און איז אַרויס אַריינצוברענגען ריינע וועש. די מוטער איז גלייך צוריק אַריינגעקומען מיט די נויטיקע

זאַכן און האָט נאָך אַלץ געלאַכט אויף איר קינדס איבערגעטריבענער „טראַגעדיע״. בעלאַ האָט אָבער אַנדערש אויסגעטייטשט דער מוטערס געלעכטער. זי האָט געדענקט, אַז יענע לאַכט אָפּ פון איר. איז זי צוגעפאַלן צו דער מוטערס ברוסט און זיך געבעטן: „מאַמע, כ׳בעט דיך, לאַך נישט פון מיר און פאַרמאַך די טיר קיינער זאָל נישט הערן״.

„ניין, ניין, בעלאַ, איך לאַך נישט פון דיר. און האָב נישט קיין מורא, כ׳האָב געזאָגט, אַז דו ביסט געפאַלן און האָסט זיך נאַס געמאַכט״, האָט די מוטער זי באַרויקט און איר געגלעט איבערן קאָפּ. פאַרוואונדערט איז דאָס קינד געבליבן שטיין. זי האָט איינגעגראָבן די אויגן אין דער מוטערס געזיכט און, נישט גלויבנדיק אירע אייגענע אויערן, האָט זי אַרויסגעשטאַמלט אַ גליקלעכע: „מאַמע, דו מיינסט עס אויף אַן אמת?״. — „יאָ, בעלאַ, איך האָב דערציילט די אַנדערע מענטשן אין הויז, אַז דו ביסט געפאַלן און זיך נאַס געמאַכט״, האָט די מוטער זי נאָכאַמאָל באַרויקט.

דאָס קינד האָט זיך דערפילט, ווי געראַטעוועט פון אַ גרויס אומגליק. זי האָט אַרומגעכאַפּט די מוטער, איר געקושט און מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געזאָגט: „דו ביסט אַזאַ גוטע מאַמע, דו ביסט אַזאַ קלוגע, און איך האָב דיך אַזוי ליב״. . .

פון דעמאָלט אָן טיילט זיך בעלאַ מיט איר מוטער מיט אַלע איבערלעבענישן. פון דעמאָלט אָן האָט בעלאַ מער קיין סודות נישט פאַר איר מוטער.

געמאַכט אַ מענטש גליקלעך

מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן איז ליזאַ געלעגן אינעם ברייטן בעט. אירע אויגן האָבן קאַלט און טעמפּ געוואַנדערט איבערן צימער, צייטנווייז זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויפֿן טיש, ווו פֿלעשער און גלעזער האָבן זיך געוואַלגערט אין אומאָרדענונג; דאָ אויפֿן ווייסן טעפּיך, וואָס איז געוואָרן באַשמוצט פֿון שטיקלעך פּאַפּיראָסן און אַשעס. דורך דעם זאָרגפֿעליק פֿאַרהאָנגענעם פֿענצטער האָט זיך קוים באַמערקבאַר אַריין גע'גנבעט אַן אָפּשיין פֿון אַ שטראַל. פֿון ערגעץ ווייט האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פֿון אַ זייגער. איינס, צוויי, טיק טאַק, האָט ליזאַ אויטאָמאַטיש נאָכגעציילט. אירע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפֿנט. „גאָט מיינער!", האָבן אירע אָנגעפּאַרבטע ליפּן, ערטערווייז פֿאַרשמירט, געשעפּטשעט. „בייטאָג, ביי די שטראַלן פֿון דער זון, ווען אַנדערע מענטשן אַרבעטן, עסן, שפּאַצירן, שלאָף איך, און ביינאַכט, ווען אַנדערע מענטשן רוען, ווען די גאַנצע וועלט איז פֿאַרזינקען אין שלאָף, דאַן... דאַן פֿאַרקויף איך ליבע"...

ליזאַ האָט פֿאַרקריצט מיט די ציין, פֿאַרביסן די ליפּן ביז בלוט און זיך ענגער איינגעוויקלט אין איר זיידענער קימאָנאָ, ווי זוכנדיק שוץ. אירע שאַרע אויגן האָבן זיך פֿאַרזשמורעט און זיך פֿאַרקוקט ערגעץ ווייט אַריבער איר בעט, אַריבער איר צימער, ווייט אַריבער גאַסן, שטעט און לענדער. ליזאַ האָט איינגעצויגן דעם אָטעם און געטאָן אַ טיפֿן זיפֿץ, ווי אַ מענטש, וועלכער זעט אַ שרעקלעכע וויזיע. זי האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, ווי ביי אַ פֿאַרברעכן און האָט אַ וואָרף געטאָן מיט איר

קאָפּ שוואַרצע האָר, ווי אָפּטרייבנדיק עפּעס פון זיך. זי האָט אויסגעצויגן איר רעכטע האַנט צום טישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר בעט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס מיט אַ שוועבעלע. מיטן נאָגל פון איר גראָבן פינגער האָט זי אָנגעצינדן דאָס שוועבעלע און פאַרויכערט דעם פּאַפּיראָס. ליזאַ האָט ליב געהאַט נאָכצוקוקן דעם שלענגלדיקן רויך, וועלכן זי האָט אַרויסגעלאָזט טיילמאָל דורך אירע ליפּן און טיילמאָל דורך אירע נאָזלעכער. נישט איינמאָל טראַכט זי, אַז די גרויע וואָלקנדלעך, וועלכע צעקריכן זיך לאַנגזאַם, ווערן וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער, צעשווימען זיך איבער די ווינקעלעך פון איר צימער, צערינען זיך, ווערן צונישט און דאָך לאָזן זיי איבער אַ שפּאָר נאָך זיך, אַ געדעכעניש, וואָס קריכט אַריין צום מענטש אין האַרצן, אין די לונגען, לאָזן דאָרט אַ זכר אויף אייביק, פּונקט ווי אירע טרויעריקע געדאַנקען.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. די טיר האָט זיך אַ קליין ביסל געעפנט און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ קיילעכדיק פעט פּנים, מיט קליינע אויגן און גרויע האָר. דער קאָפּ האָט זיך אומגעדרייט אין דער ריכטונג פון ליזאַס בעט. — „ליזאַטשקאַ, דו שלאָפסט?״ — האָט מאַרוסיאַ געפרעגט אין אַ טיפן אוקראַיניש. — „ניין, מאַרוסיאַ, קום אַריין״, האָט ליזאַ פריינטלעך, כמעט צערטלעך געענטפערט. מאַרוסיאַ, אַ פעטע, נידעריקע אוקראַינערין, איז געווען ליזאַס הויז־אויפזעערין, וועלכע האָט אויך באַדינט ליזאַן. זי האָט ברייט צעעפנט די טיר און פּירנדיק עמעצן ביי דער האַנט, איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו ליזאַס בעט און אַ פריילעכע, פול מיט אוקראַינישער התפּעלות, האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריקוואַטע שטימע: „ליזאַ, זע ליזאַ טייערע, וואָס פאַר אַ פיין מתנהלע כ׳האָב דיר געבראַנגט. אַ מיידעלע, אַ יונגינקע, אַ שיינינקע, מיט בלאָנדע הערעלעך און בלויע אייגעלעך, פאַר דיר, ליזאַטשקאַ, אַ פּרעזענט, ס׳זאָל דיר זיין היימלעכער״.

ליזאַ האָט אַוועקגעלייגט איר האַלב־אָפּגערויכערטן פּאַפּיראָס און מיט וווּנדער געקוקט דאָ אויף דער גוטמוטיקער מאַרוסיאַן, דאָ אויף דעם מיידל, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטע און געוואָרפן נייגעריקע געהיימע בליקן אויף ליזאַן, מאַרוסיאַן און אויפן גאַנצן צימער, וואָס האָט געטראָגן אַן אומבאַשטימטן, סודותפולן כאַראַקטער.

אויף ליזאַס פרעגנדיקע בליקן האָט מאַרוסיאַ דערציילט אין קורצן, אַז גייענדיק אין גאַס האָט זי באַמערקט אָט דאָס מיידל

אַרומבלאָנדזשען מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם. זי האָט דערקענט אין איר אַ פרעמדע, האָט זי אָפּגעשטעלט דאָס מיידל און אויף אירע פראַגן האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידל איז אַ יידישקע און אַז זי זוכט באַשעפטיקונג פון וועלכן עס איז כאַראַקטער, כדי צו קענען מאַכן אַ שטיקל לעבן און קענען דינגען אַן אָרט וווּ צו וווינען. האָט זיך מאַרוסיאַ דערמאָנט, אַז ליזאַ אַרבעט צו שווער, אַז זי האָט אַלעמאָל צופיל געסט און ס'טרעפן זיך אָפּט נעכט ווען ליזאַ קומט נישט אויס מיט דער צייט און קען אַלעמען נישט אויפנעמען. דעריבער האָט מאַרוסיאַ געבראַנגט דאָס מיידל און זי עצהט ליזאַן, זי זאָל דאָס מיידל פאַרהאַלטן לעבן זיך. . .

אויסהערענדיק אָט די מעשה האָט ליזאַן פלוצלינג אַרומגענומען אַ קינדערישע פרייד און זי האָט זיך הויך אויפן קול צעלאַכט: — „אַזוי, מאַרוסיאַ, דו כאַפּסט גאָר אויף מיידלעך אין מיטן גאַס, און וואָס וועט זיין, מאַרוסיענקאַ, אַז די פּאָליציי וועט זיך דערפון דערוויסן און מ'וועט אונדז ביידען אַריינפּאַקן אין טורמע ?. . . אָבער, זאָרג נישט, ס'וועט זיין גוט. דו גיי און מאַך עפּעס גוטס צום עסן לכבוד אונדזער גאַסט און איך וועל זיך באַקענען מיט דיין מתנהלע", האָט ליזאַ לוסטיק גערעדט, אַראָפּשפּרינגענדיק פון בעט. זי האָט שנעל אַריינגעשטעקט אירע באָרוועסע פיס אין די שיינע, רויטע שטעקשיך, וועלכע זיינען געשטאַנען דערנעבן. ליזאַ איז אַריין אין באָד־צימער, שנעל גענומען אַ באָד, און אַריין אין צווייטן צימער זיך אָנטאָן.

בלייבנדיק אַליין האָט דאָס פרעמדע מיידל דרייסטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט וווּנדער באַטראַכט דאָס אומבאַקאַנטע צימער. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפינען אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פּלאַץ. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ פּליושענע קאַנאַפּע מיט וווּנדערבאַר שיין געהאָפטענע קישעלעך. דאָס בעט, פון וועלכן ליזאַ איז אַרויס, איז געווען ווייס, דאָס קישן און קאָלדרע פון רויטן זייד. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען פאַרשיידענע בילדער, מערסטנס זיינען דאָס געווען אמתע קונסט־בילדער. צווישן זיי אייניקע פוטוריסטישע בילדער, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט נאַקעטע פרויען און מענער. אַ קאָמאָדע פון זעלבן ווייסן האָלץ, ווי דאָס בעט, איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. אויף דער קאָמאָדע זיינען געשטאַנען זעלטן שיינע צעראַמישע פיגורקעס. די פיר שטולן, צעוואָרפן איבערן צימער,

זיינען געווען פון זעלבן געבלומטן פליוש, ווי די קאַנאַפּע. אַ באַזונדערע שיינקייט האָט צוגעגעבן דער טערקישער דיוואַן אויף דער פּאָדלאָגע. דאָך איז די אַטמאָספערע פון צימער פאַר דעם מיידל געווען נישט פאַרשטענדלעך. עס האָט זיך אָנגעזען אַ מין נאַכלעסיקייט און אַ הפקרקייט. די לופט איז געווען אָנגעפולט מיט דעם, וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען יעדע נאַכט. דאָס מיידל האָט זיך פאַרטראַכט. זי האָט געקוקט אויף די גלעזער און פלעשער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש. זי האָט געקוקט אויף די אַשעס און שטיקלעך פּאַפּיראָסן, וועלכע האָבן זיך אומעטום אַרומגעוואַלגערט, ווי אין אַ שענק. אין איר געדאַנק איז אַרויפגעשווימען ליזאַס געשטאַלט, ועמען זי קען נאָך נישט; ליזאַ, די אייגענטימערין פון אָט דעם מאָדנעם צימער. אַ וואַרעם, צערטלעך געפיל האָט אַרומגענומען דעם מיידל, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס. זי האָט זיך נאָך רעכט צו איר נישט צוגעקוקט און ווייס שוין זיכער, אַז זי האָט ליב אָט די פרוי מיט די טרויעריקע אויגן, וואָס האָט אַזוי פריילעך געלאַכט.

ליזאַ איז צוריק אַריין געקומען אַ פריש אָפּגעבאָדענע, אָפּגעפאַרבטע, אָנגעטאָן אין אַ ריין שוואַרץ קליידל מיט שוואַרצע עלעגאַנטע שיך און גרויע זיידענע זאָקן. אַ מיטלוווּקסיקע, אַ שלאַנקע, האָט זי מיט אירע קלוגע אויגן, לענגלעכדיקן נעזל און פאַר׳עקשנטע צונויפגעפרעסטע ליפּן אויסגעזען ווי אַ פראַפּעסיאָנעלע פרוי. בלויז די טונקעלע רינגען אונטער אירע טרויעריק־מילדע אויגן האָבן פאַר אַ גענייט אויג עדות געזאָגט וועגן פריילעכע נעכט און אָנגענומע, איבערדריסיקע ליבע־געניסן. . . ליזאַ איז צוגעגאַנגען צום מיידל, זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט: — „זעץ זיך אַוועק אָט אָ דאָ אויף דער סאָפע און דערצייל מיר אַלץ: ווי רופט מען דיך? ווער ביסטו? פון וואַנען קומסטו? און וואָס זוכסטו?״. דאָס מיידל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן ליזאַן און האָט אין קורצע ווערטער איר אַלץ דערציילט. איר נאָמען איז גערטרוד, זי קומט פון אַ קליין שכנהדיק שטעטל. ווען זי איז געווען אַ מיידעלע פון פינף יאָר, זיינען אירע עלטערן געקומען פון גאַליציע קיין קאַנאַדע. זיי האָבן זיך טאַקע באַזעצט אינעם קליינעם שטעטל און פאַר לאַנגע יאָרן דאָרט געלעבט און געאַרבעט. זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַן אייגן הויז און געלעבט צופרידן ביז עס איז געשען דאָס אומגליק. מיט צוויי יאָר צוריק

איז איר מוטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן צרות פאַר גערטרודן. דער פאָטער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל. טראָץ דעם, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט גערטרודן, האָט ער אָנגעהויבן זי פאַרנאַכלעסיקן. ער האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער צווייטער פרוי און איר קינד, וואָס זי האָט אים באַלד דעם ערשטן יאָר געבוירן. זי, גערטרוד, איז צוביסלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דינסט, אַ שקלאַף, וואָס לעבט בלויז פאַר דעם צוועק צו מאַכן שיין און באַקוועם דאָס לעבן פון איר פאָטער, שטיף־מוטער מיט זייער קינד. אַזוי האָט זי געליטן צוויי יאָר, ביז זי האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן. האָט זי אַרויס גע׳גנבעט געלט אויף אַ באַן־בילעט און איז אַנטלאָפן. איצט איז זי ווילִיק אַלץ צו טאָן, אַבי נישט דאַרפן צוריקפאָרן אַהין פון וואַנען זי איז געקומען. די לעצטע ווערטער האָבן געברענגט ביי גערטרודן טרערן אין אירע בלויע אויגן. זי איז שטיל געבליבן, בייסנדיק נערוועז איר אונטערשטע ליפּ.

די גאַנצע צייט, וואָס גערטרוד האָט גערעדט, האָט ליזאַ זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדן וואָרט. גלייכצייטיק האָט זי באַטראַכט און שטודירט דאָס מיידל. זי האָט געקוקט אויף דעם שיינעם בלאָנדן קאָפּ, די בלויע נאַיִווע אויגן, אַ קיילעכדיק ווייס קינדעריש געזיכט, אַ קורץ פאַריסן נעזל און רויטע ליפּן, נאָך נישט געפאַרבטע. אין גאַנצן האָט גערטרוד אויסגעזען נאָך ווי אַ קינד. נישט זייער קיין הויכע, אַ ביסעלע אַ פעטלעכע, האָט זי פאַרמאָגט דעם פרישן, אומבאַרירטן, ווייבלעכן אומשולד, מיט וועלכן ס׳קען זיך בלויז באַרימען אַ 17־יאָריק מיידל. דאָס אַלץ האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אירע נאָך קינדערישע, ערטערווייז צעריסענע קליידער. ליזאַ איז געוועזן גערירט און אירע אויגן זיינען אַ ביסל פייכט געוואָרן.

ווען גערטרוד איז שטיל געבליבן, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון וויינען אויפן קול, האָט ליזאַס מוח אָנגעהויבן אַרבעטן. זי האָט געטראַכט, אַז אָט דאָס מיידל, דאָס האַלבע קינד נאָך, שטייט איצט אויף אַ שייד־וועג. איצט קען מען דעצידירן, וואָס מען קען פון איר מאַכן. אויב זי, ליזאַ, וועט זי מיטנעמען מיט זיך אויף איר שמוציקן, האָפענונגסלאָזן וועג, ווי מאַרוסיאַ האָט איר געראַטן, איז דאָס מיידל אַ פאַרפאַלענע. און דאָס האָט ליזאַ נישט געוואָלט. זי האָט נאָך אַמאָל אַ

קוק געטאָן אויף גערטרודן און געטראַכט, אַז זי, גערטרוד, מיט איר שיינקייט און נאַאיוויטעט, קען זיין אַ גאָלדענע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטערין, אַן אויסגעצייכנט ווייב און אַ געטרייע חברטע און געליבטע. . . ניין, האָט ליזאַ שיער נישט אויסגעשריגן אויפן קול. ווער נישט, אָבער זי, ליזאַ, וועט אָט די שיינע יונגע בלום נישט שטויסן צום אָפּגרונט. אָבער, וואָס טוט מען דאָך? עפּעס דאַרף מען דאָך טאָן!

ליזאַ האָט זיך נערוועז אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק. די הענט האָט זי אַריינגערוקט אין די קליינע קעשענעס פון איר קלייד, פאַרקנייטשט דעם שטערן און שנעל געטראַכט. דורכגייענדיק אַזוי אַ פּאָר מאָל איבערן צימער, איז זי געבליבן שטיין נעבן גערטרודן נאָך אַלץ פאַרטראַכט. זי האָט אַרויפגעלייגט איר רעכטע האַנט אויף יענערס אַקסל און אַריינקוקנדיק איר אין די אויגן האָט זי האַרציק געפרעגט: „ווייסטו, גערטרוד, מיין נאָמען?". — „ליזאַ", האָט גערטרוד קורץ געענטפערט. — „וואָלסטו געוואָלט מיט מיר בלייבן דאָ אין מיין צימער?". גערטרודס אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט פרייד. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים. — „דו פרעגסט נאָך?! זיכער וויל איך", האָט גערטרוד אַנטשלאָסן געענטפערט.

ליזאַ האָט זיך צעלאַכט. פול מיט ביטערקייט און סאַרקאַזם האָט זי געזאָגט: „דו נאַריש, נאַיוו מיידל! דו קענסט מיך אַפילו נישט, דו ווייסט נישט ווער איך בין און דו געטרויסט מיר. ווייסטו, גערטרוד, ווער און וואָס איך בין? איך בין אַ גאַסנפרוי, אַ פּראָסטיטוטקע, דאָס שמוץ און אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. איך האַנדל מיט מיין קערפּער; איך בין די זינדיקסטע פון אַלע פרויען. איך בין די, וועלכע באַפרידיקט די נידעריקסטע געפילן פון די מענער. מיך האַסן אַלע. איך בין די פאַראַכטונג אַליין!" כאַ. . . כאַ. . . כאַ. . . ליזאַ האָט אַריינגענומען איר קאָפּ איןביידע הענט און האָט זיך צעלאַכט ווילד, היסטעריש. . .

די יונגע גערטרוד איז געזעסן שטיל און האָט געביסן אירע נעגל. עפּעס האָט אין איר האַרץ געבושעוועט, אָבער זי האָט נישט געטראַכט פון דעם. אירע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין ליזאַן. זי האָט געהאַט אַ באַגער צוצוגיין צו איר און זאָגן עפּעס גוטעס, וואַרעמעס. זי איז אָבער געזעסן, ווי צוגעשמידט צו איר פּלאַץ און נאָכגעפאָלגט ליזאַס יעדע באַוועגונג.

ליזאַ האָט אויפגעהערט צו לאַכן. זי איז צוגעקומען נענטער צו גערטרודן און מיט אַ נידעריקער שטימע, אין וועלכער מען האָט געקענט אַרויספילן די טרערן, האָט זי געפרעגט: „נו, זאָג קליינע, ווילסטו נאָך איצט אויך בלייבן מיט מיר, די געפאַלענע?!״. גערטרוד האָט זיך אויפגעהויבן, זי איז צוגעגאַנגען צו ליזאַן און אַרויפקוקנדיק צו איר, ווי צו אַן עלטערער שוועסטער, האָט זי געזאָגט: „ליזאַ, איך בין עלענט און אומגליקלעך, מיך דאַרף קיינער נישט און קיינער ליבט מיך נישט. דערלויב מיר צו זיין דיין יונגערע שוועסטער. ס׳איז נישט אמת, אַז דו ביסט אַ שלעכטע. דו ביסט די בעסטע פרוי, וואָס כ׳האָב ווען עס איז באַגעגנט, חוץ מיין פאַרשטאָרבענע מוטער״. זי האָט אַרומגענומען ליזאַן ביי דער טאַליע, זיך צוגעטוליעט צו איר ברוסט און מיט אַ בעטנדיק קול פאָרגעזעצט: „לאָז מיך, ליזאַ, לאָז מיך בלייבן מיט דיר״.

אָבער ליזאַס פלענער זיינען געווען אַנדערע און זי האָט געוואָלט, אַז גערטרוד זאָל טאָן דאָס, וואָס זי עצהט איר. זי האָט אויך געוואָלט, אַז גערטרוד זאָל נישט סתם טאָן וואָס ליזאַ הייסט איר טאָן, נאָר יענע זאָל אַליין איינזען, אַז דאָס וואָס ליזאַ האָט פאַר איר באַשלאָסן איז די ריכטיקע דעציזיע. זי האָט גערטרודן צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און אין אַ שטאַרקן קול, טאַקע ווי אַן עלטערע שוועסטער, געזאָגט: „איך וויל דיר דערציילן אַ געשיכטע, מיין אייגענע, ווי אַזוי איך בין אַראָפּ פון גלייכן וועג. דו וועסט מיך אויסהערן ביז צום סוף, וועלן מיר דאַן באַשליסן, וואָס דו זאָלסט טאָן. אָבער, גערטרוד, זיץ רויִק און הער זיך אויפמערקזאַם צו צו מיין דערציילונג״.

גערטרוד האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אָפענע מויל און אויערן. ליזאַ האָט צוגערוקט אַ שטול, זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, פאַרוואָרפן די הענט איבער דער אויבערשטער קני און מיט אַן אומעטיקער שטימע האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן אַ טייל פון איר לעבנס־געשיכטע.

אין דעם פוילישן שטעטל מ. האָט געוווינט אַ פאַמיליע מיטן נאָמען מאָלינער. דער פאָטער, אַ מיטלוווקסיקער, דיקער, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, איז געווען איינער פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע חסידים פון שטעטל. אויף איינער פון די שענסטע הויפּט־גאַסן האָט ער געהאַט זיין גרויס מאַנופאַקטור הורטאָווניע, ווו אַלע קרעמער פון שטאָט, ווי אויך פון די דערבייאיקע שטעטלעך און דערפער האָבן

